STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10757

DER LEBEDIGER MEYS

Aleksey Nikolayevich Tolstoy

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10757-3

D:\YIDDISH\TITLES\9780657107574T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ל. נ. טאָלסטאָי.

דער לעבעדיגער מת.

אַ דראַמאַ.

איבערזעצט פון

ד״ר א. מוקדוני.

פארקויף: געזעלשאפט .צענטראל׳ ווארשע

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 8.

פערזאָנען:

פיאָדר וואסיליעוויטש פראָטאסאָוו (פעדיא).
יעליזאַוועטאַ אַנדרייעוונאַ פראָטאַסאָווא (ליזע), זיין פרוי
מישאַ, זייער זוהן.
אננאַ פאַוולאָוונאַ, ליזעס מוטער.
סאַשאַ. אַ יונג מיידעל, ליזעס שוועסטער.
וויקטאָר מיכאַלאָוויטש קאַרענין.
אַננאַ דמיטריעוונאַ קאַרענין.
פירסט סערגיי דמיטריעוויטש אַברעזקאָוו.
מאַשאַ, אַ יונגע ציגיינערין.
איוואַן מאַקאַראָוויטש, אַן אַלטער ציגיינער) מישאַ'ס עלטערן.
נאַסטאַסיאַ איוואַנאָוונאַ, אַן אַלטע ציגיינערין)
אָפיציר.
אַ מוזיקאַנט.
ערשטער ציגיינער.
צווייטער ציגיינער.
אַ ציגיינערין.
ציגיינער און ציגיינערינס (כאָר).
דאָקטאָר.
מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש אַפרעמאָוו.)
סטאַכאָוו.) פיאָדר'ס גוטע ברידער
בוטקעוויטש.)
קאַראָטקאָוו.)

איוואַן פּעטראָוויטש אַלעקסאַנדראָוו.

זאָנעסענסקי, קאַרעניגס סעקרעטאַר.

פּעטושקאָוו, אַ מאַלער.

אָרטעמיעוו.

אַ קעלנער אין אַ בעזונדער קאַבינעט.

אַ קעלנער אין אַ שענק.

דער ווירטה פון שענק.

אַ גאָראָדאָוואָי.

מעלניקאָוו.

סעקרעטאַר אין געריכט.

שווייצער.

אַ יונגער אַדוואָקאַט.

פּעטרושין, אַן'אַדוואָקאַט.

אַ דאַמע.

אַן'אָפיציר.

אַן'אַם ביי פּראָטאַסאָוו.

אַ שטוב-מיידעל.

אפּרעמאָוו'ס דינער.

קאַרענינ'ס דינער.

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.

די האנדלונג קומט פאר אין דער הויפט-שטאדט אין דער וואוי־גונג פון פראטאסאוו — די סצענע שטעלט פאר א קליין עס־צימער.

ערשטער אויפטריט.

אננא פאולאוונא, (א דיקע גרויסע דאמע אין א קארסעט, זיצט אליין ביים טיי-טיש.)

צווייטער אויפטריט.

אננא פאול. און די אם (מיט א טשייניק).

די אם. מ'קען נעהמען א ביסעל וואסער?

אננא פאול. מ'קען. וואס מאכט מישינקע?

די אם. אלץ אונרוהיג. ס'איז זעהר ניט גוט, ווען א בעל-הבית'טע אליין זויגט איהר קינד. זי האט דארטען איהרע שמערצען און יסורים און דאס קינד ליידט דערפון. וואס פאר א מילך קען עס זיין, ווען מען שלאפט קיין נאכט ניט און מען וויינט כסדר?

אננא פאול. דוכט זיך, זי האט זיך שוין בערוהיגט.

די אם. אודאי בערוהיגט! עס פערקלעמט דאס הארץ קוקענדיג. זי האט עפּיס געשריבען און געוויינט.

דריטער אויפטריט.

אננא פאוול, די אם און סאשא (קומט).

סאשא. (צו דער אם) ליזע זוכט אייך.

די אם. ל׳געה, ל׳געה. (די אם געהט אוועק).

פיערטער אויפטריט.

אננא פאוול. און סאשא.

אננא פאוול. די אם זאגט, אז זי וויינט כסדר. פאר־וואס קען זי זיך ניט בערוהיגען?

סאשא. ניין, איהר, מאמא, זענט א מאדנע. פערלא־זען דעם מאן, דעם פאטער פונ׳ם קינד און איהר ווילט נאך, אז זי זאל זיין רוהיג.

אננא פאוול. וואס געטאן איז געטאן. ווען איך, די מוטער, האב עס דערלאזען, ניט נאר דערלאזען, נאר זאגאר צופרידען דערפון, וואס מיין טאכטער ווארפט איהר מאן, מסתמא האט ער עס פערדיענט. מען דארף זיך פרעהען און ניט טרויערן, ווען דו ווערסט פטור פון אזא שלעכטען מענשען. ווערסט פטור פון אזא בריליאנט.

סאשא. מאמא, פארוואס רעדסטו אזוי? דו ווייסט דאך, אז דאס איז ניט ריכטיג. ער איז ניט קיין שלעכטער מענש, נאר פערקעהרט, ער איז א וואונדערבארער, א וואונדערבארער מענש, טראץ זיינע שוואכקייטען און פעהלער.

אננא פאוול. אט דאס איז עס — א וואונדערבארער מענש טאקע. האט ער נאר געלד אין האנד, קוקט ער צי איז עס זיינע צי פרעמדע...

סאשא. מאמא, ער האט קיינמאל קיין פרעמד געלד ניט געטמען.

אננא פאוול. אלץ איינס — איז דעם ווייבס.

סאשא. ער האט דאך זיין פרוי אבגעגעבען זיין גאנץ

פערמעגען.

אננא פאול. אודאי, וואס־זשע, ער זאל ניט אבגע־בען, ווען ער ווייסט, אז ער וועט עס פערשארלאטאנעווען.

סאשא. פערשארלאטאנעווען צי ניט פערשארלאטאנעווען, איך ווייס נאר איינס, אז מ'קען זיך ניט שיידען מיט א מאן און ווער רעדט מיט אזא מאן ווי פעדיא.

אננא פאול. נאך דיר נאך דארף מען ווארטען, ביז ער וועט דאס לעצטע העמד פערשארלאטאנעווען און וועט ברענ־גען צו זיך זיינע געליעבטע ציגיינערינס?

סאשא. ער האט ניט קיין געליעבטע.

אננא פאול. אט דאס איז דאך דאס אומגליק, וואס ער האט אייך אלעמען פערכשופ'ט. נאר מיך ניט, אה, ניין! איך זעה איהם דורך און ער ווייסט עס. איך אויף ליזעס ארט וואלט שוין איהם אוועקגעווארפען מיט א יאהר צוריק.

סאשא. ווי לייכט דו רעדסט עס.

אננא פאול. ניין, ניט לייכט. א מוטער איז ניט לייכט צו זעהן איהר טאכטער א גע'גט'ע. גלויב מיר, אז עס איז מיר זעהר ניט לייכט. נאר אלץ בעסער איידער צושטערען א יונג לעבען. ניין, איך דאנק גאט, וואס זי האט עס ביי זיך גע'פועל'ט און אלץ איז געענדיגט.

סאשא. ס'קען זיין, אז עס איז נאך ניט געענדיגט.

אננא פאול. אהא, זאל ער איהר נאר געבען גט.

סאשא. וואס איז עס פאר א גליק?

אננא פאול. זי איז נאך יונג און קען נאך זיין גליקליך.

סאשא. אך, מאמא, עס איז שרעקליך וואס איהר רעדט; ליזע קען ניט ליעב בעקומען אנ'אנדערן.

אננא פאול. פארוואס קען זי ניט? זאל זי נאר זיין פריי. עס' וועלען זיך געפינען מענשען טויזענד מאל בעסערע פאר אייער פעדיא, וואס וועלען האלטען פאר א גליק היירא־טען מיט ליזען.

סאשא. מאמא, עס איז ניט גוט, איך ווייס, איהר האט אנ'אויג אויף וויקטאר קארענין.

אננא פאול. און פארוואס טאקע ניט ער? ער ליעבט זי שוין צעהן יאהר און זי איהם אויך.

סאשא. זי ליעבט איהם, אָבער ניט ווי אַ מאַן. דאָס איז נור אַ פרײַנדשאַפט פון די קינדער־יאָהרען.

אננאַ פאַוול. מיר ווײַסען שוין די פרײַנדשאַפטען! זאָל נאָר ניט זײַן קײַן שטערונגען.

פינפטער אויפטריט.

אַננאַ פּאַוולאָוונאַ, סאַשאַ. (עס קומט אַרײַן אַ שטוב־מיידעל.)

אַננאַ פּאַוול. וואָס?

די שטוב־מיידעל. די בעל־הבית׳טע האָט געשיקט דעם דיענער מיט אַ בריוועל צו וויקטאָר מיכאַילאָוויטש

אננאַ פאַוול. וועלכע בעל־הבית׳טע?

שטוב־מיידעל. יעליזאַוועטאַ אַנדרײַעוונאַ

אַננאַ פאַוול. נו, וואָס איז?

שטוב־מיידעל. וויקטאָר מיכאַילאָוויטש האָט געלאָזען זאָגען, אַז ער קומט באַלד אַליין.

אַננאַ פאַוול. (פערוואונדערט) אָט ערשט האָבען מיר פון איהם גערעדט. איך פערשטעה אָבער ניט צו וואָס. (צו סאַשאַ׳ן) דו ווייסט ניט?

סאַשאַ. ס׳קען זײַן, אַז איך ווייס, און ס׳קען זײַן, אַז איך ווייס ניט.

אַננאַ פאַוול. כסדר סודות.

סאַשאַ. ליזע וועט אַרײַנקומען, וועט זי דיר זאָגען.

אַננאַ פאַוול. (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. צו דעם שטוב־מיידעל). מ׳דאַרף דעם סאַמאָוואַר צוואַרימען. נעהם, דוניאַשאַ. (דאָס שטוב־מיידעל נעהמט דעם סאַמאָוואַר און געהט).

זעקסטער אויפטריט.

אַננאַ פאַוולאָוונאַ און סאַשאַ.

אַננאַ פאַוול. (צו סאַשאַ׳ן, וואָס איז אויפגעשטאַנען און וויל געהן) עס שטעלט זיך אַרויס ווי איך האָב געזאָגט; זי האָט שוין געשיקט נאָך איהם.

סאשא. ס'קען דאָך זײַן, אַז זי האָט נאָך איהם געשיקט נאַרנים צוליעב דעם.

אננא פאַול. צוליעב וואָס-זשע?

סאשאַ. איצט, אין דעם מאָמענט, איז קאַרעגין פאַר איהר אַלץ אײנס וואָס טריפאָנאָוונאַ.

אננא פּאַול. וועסטו שוין זעהן. איך קאָן זי דאָך. זי רופט איהם; זי וויל זיך צו טרײסטען.

סאשאַ. אַך, מאַמאַ, ווי ווייניג דו קענסט זי. ווי קענסטו אַזוי קלערען...

אננא פּאַול. וועסט שוין זעהן. און איך בין זעהר און זעהר צופרידען.

סאשאַ. מיר וועלען זעהן. (זינגט צו עפּ.ס און געהט אַוועק).

זיעבעטער אויפטריט.

אננא פּאַוולאָוונאַ אַלײן.

אננא פּאַול. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און רעדט שטיל) ווען אַזוי דאַרף זײַן, זאָל זײַן אַזוי. אָט אַזוי, יאָ...

אַכטער אויפטריט.

אננאַ פּאַוולאָוונאַ און דאָס שטוב-מײדעל.

דאָס שטוב-מײדעל. וויקטאָר מיכאַילאָוויטש איז געקומען צופאָהרען.

אננא פּאַול. נו, איז וואָס? בעט איהם אַרײַן און געה זאָג עס דער בעל-הבית'טע.

(דאָס שטוב-מײדעל געהט דורך די אינגערליכע טיר).

ניינטער אויפטריט.

אננאַ פּאַוולאָוונאַ און וויקטאָר קאַרעגין.

וויקט. קאַרעגין. (קומט אַרײַן, גריסט זיך מיט אננאַ פּאַוול.).

יעליזאַוועטאַ אַנדרייעוונאַ האָט מיר געשיקט אַ צעטעל, אַז איך זאָל קומען. איך האָב זיך זאָ-ווי-זאָ געקליבען צו קומען צו אײַך

הײַנט אין אָווענד, איך בין זעהר צופרידען... איז יעליזאַוועטאַ אנדרעיעוונאַ געזונד?

אננאַ פאול. זי איז געזונד. דאָס קינד איז נאָר אַ ביסעל אונרוהיג. זי קומט באַלד. (טרויעריג) יאָ, יאָ, אַ שווערע צײַט... איהר ווײסט דאָך מסתמא אַלץ?

קאַרענין. ל'ווײם. איך בין דאָך דאָ געוועזען מיט דרײַ טעג צוריק, בשעת עס האָט זיך ערהאַלטען זײַן בריעף. איז שוין אַלץ פערפאַלען?

אננאַ פאול. געוויס, פערשטעהט זיך. איבערלעבען דאָסזעלבע נאָכאַמאָל וואָלט געוועזען שרעקליך.

קאַרענין. יאָ, נור אָט וואו מען דאַרף צעהן מאָל מעסטען און אײנמאָל אָבשנײַדען. שנײַדען אַ לעבעדיגע זאַך איז שווער.

אננאַ פאול. פערשטעהט זיך שווער. נאָר זײער פאַמיליען-לעבען איז שוין לאַנג אָנגעגריפען און צוריסען, עס איז גאָרניט אזוי ווי עס ווײַזט זיך אויס. ער פערשטעהט אַליין, אַז נאָך דעם, וואָס עס איז געשעהען, טאָר ער ניט קומען צוריק.

קאַרענין. פאַרוואָס?

אננאַ פאול. ווי-זשע ווילט איהר, אַז נאָך אַלע זײַנע נידערטרעכטיגקײַטען, נאָך די אַלע שבועות, וואָס ער האָט געגעבען, אַז ווײַטער וועט עס ניט פאָרקומען און אויב עס וועט ווײַטער פאָרקומען, זאָגט ער זיך אַליין אָב פון אַלע רעכט, וואָס אַ מאַן האָט אויף זײַן פרוי און ניט איהר פאָלשטענדיגע פרײַהײַט...

קאַרענין. וואָס פאַר אַ פרײַהײַט קען האָבען אַ פרוי, וואָס איז געבונדען דורך די הײַראַט?

אננאַ פאול. גט — ער האָט צוגעזאָגט גט. און מיר וועלען עס פאָדערן.

קאַרענין. יאָ, נאָר יעליזאַוועטאַ אנדרעיעוונאַ האָט דאָך איהם אַזוי ליעב געהאַט...

אננאַ פאול. אַך, איהר ליעבע האָט געהאַט אויסצושטעהן אַזוי פיעל לײַדען, אַז איך ווײס ניט צי עס איז עפּיס געבליבען פון איהר. דאָ איז געוועזען שכרות, פאַלשקײַט און ניט-טרײַהײַט. קען מען דען ליעבען אַזאַ מאַן?

קאַרעניִן. פאַר דער ליִעבע איִז אַלץ מעגליִך.

אַננאַ פאַוול. איִהר זאָגט ליִעבע, נאָר וויִ ליִעבט מען אַזאַ שמאַטע, אַ מענשען אויף וועלכען מען קען זיִך איִן קיִין היִנזיִכט ניִט פערלאָזען? אַט נאַט איִיך, וואָס איִז אַט איִצט געווען... (קוקט אויף דער טיִר און דערצעהלט איִילענד). דיִ געשעפטען זענען רואיִניִרט, אַלץ איִז פערמשכנ'ט, צאָהלען איִז ניִטאָ מיִט וואָס. צום סוף — שיִקט דער אָנקעל 2000 צו בעצאָהלען דיִ פראָצענטען, פאָהרט ער אוועק מיט'ן געלד און ווערט פערפאַלען. דיִ פרוי זיִצט מיִט אַ קראַנק קיִנד און וואַרט. ענדליִך בעקומט מען פון איִהם אַ בריִעף — מען זאָל איִהם שיִקען וועש און זאַכען.

קאַרעניִן. יאָ, יאָ. איִך ווייס.

צעהנטער אויפטריט.

אַננאַ פאַוולאָוונאַ, קאַרעניִן. עס קומען אריין ליִזע און סאַשאַ.

אַננאַ פאַוול. וויִקטאָר מיִכאַיִלאָוויִטש איִז געקומען.

קאַרעניִן. יאָ, מען האָט מיִך אַ ביִסעל פערהאַלטען. (גערימט זיִך מיט דיִ שוועסטער)

ליִזע. כ'דאַנק איִיך. איִך האָב צו איִיך אַ גרויסע ביִטע. איִך האָב ניִט צו וועמען זיִך ווענדען.

קאַרעניִן. אַלץ וואָס איִך ביִן איִמשטאַנד.

ליִזע. איִהר ווייסט דאָך אַלץ...

קאַרעניִן. יאָ, איִך ווייס.

אַננאַ פאַוול. איִך וועל איִיך לאָזען אַליין (צו סאַשאַ'ן) לאָמיִר געהן, לאָמיִר זיי לאָזען אַליין (געהט אָב מיט סאַשאַ'ן).

עלפטער אויפטריט.

ליִזע און קאַרעניִן.

ליִזע. יאָ, ער האָט מיִר געשריִבען, אַז ער האַלט, אַז צוויִשען אונז איִז אַלץ געענדיִגט. איִך (האַלט איין דיִ טרעהרען) האָב מיִך אַזוי בעליידיִגט פון דעם, אַזוי... נו, מיִט איין וואָרט איִך האָב ביי מיִר געפועל'ט צו אָבשניידען איינמאָל פאַר אַלע

ביאָל . . . און האָב איהם געענטפערט , אַז איך נעהם אָן זיין אָבזאָג .

קאַרעניִן . און איצט האָט איהר חרטה ?

ליזע . יאָ , איך האָב דערפיהלט , אַז עס איז זעהר שלעכט פון מיין זייט . . . אַז איך קען ניט . אלץ וועל איך אָננעהמען פאַר גוט , אַבי זיך ניט פונאַנדערגעהן מיט איהם . . . קורץ ניט איהם איבער אָט דעם בריעף . כ'בעט אייך , וויקטאָר . . . גיט איהם איבער דער בריעף און זאָגט . . . און ברענגט איהם אַהער .

קאַרעניִן . (פערוואונדערט) ווי אַזוי ?

ליזע . זאָגט איהם , אַז איך בעט איהם , ער זאָל אַלץ פערגעסען און קומען צוריק . איך וואָלט געקענט דעם בריעף אָבשיקען איינפאַך , נאָר איך קען איהם : צום אָנהויב וועט ער זיין טיעף געריהרט , שפּעטער אָבער קומט וועמענס ס'איז איינפלוס , ער וועט זיך בעדענקען און וועט טאָן גראָד ניט דאָס , וואָס ער וויל .

קאַרעניִן . כ'וועל טאָן אַלץ , וואָס איך בין אימשטאַנד .

ליזע . איהר וואונדערט זיך מסתמא , פאַרוואָס איך בעט עס גראָד אייך ?

קאַרעניִן . ניין . . . נאָר , מ'דאַרף זאָגען דעם אמת , יאָ , עס וואונדערט מיך . . .

ליזע . נאָר איהר זענט ניט אין כעס ?

קאַרעניִן . איך קען דען זיין אין כעס אויף אייך ?

ליזע . איך האָב אייך געבעטען , ווייל איך ווייס , אַז איהר ליעבט איהם .

קאַרעניִן . אי איהם , אי אייך . איהר ווייסט עס . איך ליעב איהם ניט פאַר מיר נאָר פאַר אייך . און איך דאַנק אייך , וואָס איהר טרויט מיר . כ'וועל טאָן וואָס איך וועל קענען .

ליזע . כ'ווייס . איך וועל אייך אַלץ זאָגען : איך בין היינט געפאָהרען צו אַפרעמאָוו'ן ערקונדיגען זיך וואו ער איז . מען האָט מיר געזאָגט , אַז ער איז אַוועקגעפאָהרען צו די ציגיינער . און אָט פאַר דעם שרעק איך זיך . פאַר דער נייער בעגייסטערונג האָב איך מורא . איך ווייס , אַז אויב מען וועט איהם ניט אָבהאַלטען צו דער ריכטיגער צייט , וועט ער זיך פערפלאָנטערן . אָט וואָס עס איז נויטיג . וועט איהר פאָהרען ?

קאַרעניִן. פערשטעהט זיך, באַלד.

ליזע. פאָהרט, געפינט איהם און זאָגט איהם, אז אַלץ ווערט פערגעסען, אַז איך ערוואַרט איהם.

קאַרעניִן. (שטעהט אויף) נאָר וואו זאָל איך איהם זוכען?

ליזע. ער איז ביי די ציגיינער. איך בין דאָרט אַליין געוועזען. איך בין שוין געוועזען ביי דער טיר, כ'האָב געוואָלט אריינשיקען איהם דעם בריעף, נאָר איך האָב זיך בעטראַכט און בעשטימט צו בעטען אייך... אַט איז דער אדרעס. זאָגט־זשע איהם, אַז ער זאָל קומען צוריק, אַז עס האָט גאָרניט פּאַסירט, אַז אַלץ איז פערגעסען געוואָרען. טוט עס צוליעב אייער ליעבע צו איהם און אייער פריינדשאַפט צו אונז.

קאַרעניִן. כ'וועל טאָן אַלץ וואָס כ'וועל קענען. (גע־ריסט און געהט אָב).

צוועלפטער אויפטריט.

ליזע אַליין.

ליזע. איך קען ניט, איך קען ניט. אַלץ בעסער אַנ־דער... איך קען ניט.

דרייצעהנטער אויפטריט.

ליזע עס קומט אריין סאַשאַ.

סאַשאַ. נו, וואָס? געשיקט?

ליזע. (מאַכט א בעשטימונגסצייכען מיט'ן קאָפּ).

סאַשאַ. און ער האָט מסכים געווען?

ליזע. פערשטעהט זיך.

סאַשאַ. פאַרוואָס גראָד ער? כ'פערשטעה ניט.

ליזע. ווער־זשע?

סאַשאַ. דו ווייסט דאָך אָבער, אַז ער איז פערליעבט אין דיר?

ליזע. דאָס איז אַלץ געוועזען און פאַריבער. וועמען וואָלסטו געוואָלט, אַז איך זאָל שיקען? ווי מיינסטו, ער וועט קומען?

סאשא. איך בין זיכער, ווייל...

פיערצעהנטער אויפטריט.

ליזע, ריישא ס'קומט אריין אננא פאוולאוונא.

אננא פאול. וואו איז וויקטאר מיכאילאוויטש? (סאשא בלייבט שטיל).

ליזע. אוועקגעפאהרען.

אננא פאול. וואס הייסט אוועקגעפאהרען?

ליזע. איך האב איהם געבעטען ערפילען מיינע א ביטע.

אננא פאול. וואס איז עס פאר א ביטע? ווייטער א סוד?

ליזע. ניט קיין סוד. איך האב איהם איינפאך געבעטען, אז ער זאל איבערגעבען א בריף פעדיא'ן.

אננא פאול, פעדיא'ן? פיאדר וואסיליעוויטש'ן?

ליזע. יא, פעדיא'ן.

אננא פאול. און איך האב געמיינט, אז אייערע בעציהונגען זענען שוין איבערגעריסען געווארען.

ליזע. איך קען זיך ניט שיידען מיט איהם!

אננא פאול. ווי! ווייטער פון סאמע אנהויב?

ליזע. איך האב געוואלט, איך האב מיר געגעבען מיה, נור איך קען ניט. אלץ וועט איהר ביי מיר פועל'ן, נור ניט שיידען זיך מיט איהם.

אננא פאול. איז וואס־זשע, ווילסטו הייסט עס, ער זאל קומען צוריק אהער?

ליזע. יא.

אננא פאול. ווייטער אריינלאזען צו זיך אין הויז דאס עקעלהאפטע בעשעפעניש?

ליזע. מאמא, איך בעט דיר ניט אויסדריקען זיך אזוי וועגען מיין מאן.

אננא פאול. ער איז געוועזען דיין מאן.

ליזא. ער איז יעצט אויך מיין מאן.

אננא פאול. א שארלאטאן, א שכור, א הולטאי—און דו קענסט זיך מיט איהם ניט שיידען?!

ליזע. פארוואס פייניגסטו דו מיך? מיר איז אזוי געגוג

שוועֶר און דו ווילסט נאָך מעֶהר אזוי ווי אויף להכעיס.

אננא פאוול. איך פייניג דיך?! וועל איך גאָר אוועק־פאָהרעֶן. איך קעֶן עֶס ניט צוזעֶהן.

ליזעֶ. (שווייגט).

אננא פאוול. איך זעֶה, אז איהר זעֶנט עֶס נאָר אויסעֶן, איך שטעֶר אייך. איך קעֶן אזוי ניט לעֶבעֶן. איך הויב אייך ניט אָן צו פעֶרשטעֶהן. אלץ נאָך דעֶר לעֶצטעֶר מאָרעֶ. דאָ בעֶשטימסטו צו שיידעֶן זיך, פלוצלונג פאלט דיר איין און דו שרייבסט אויס אַ מענשעֶן, וואָס איז פעֶרליעבט אין דיר...

ליזעֶ. עֶס איז ניט ריכטיג, עֶס הויבט זיך ניט אָן.

אננא פאוול. קארעֶנין האָט דיר געֶמאכט אַ פאָרשלאָג... און דו שיקסט איהם ברעֶנגעֶן דיין מאַן... צו וואָס איז דאָס? צו דעֶרוועֶקעֶן אייפעֶרזיכט?

ליזעֶ. מאמא, עֶס איז שרעֶקליך דאָס, וואָס דו רעֶדסט! לאָז מיך צורוה.

אננא פאוול. טאָ טרייב ארויס די מוטעֶר פון שטוב און לאָז אריין דעֶם הולטאַי דעֶם מאַן דיינעֶם. איך וועל ניט וואַרטעֶן אויף דעֶם. זייט געֶזונד, טוט וואָס איהר ווילט! (געֶהט אָב, גיט אַ קלאַפּ מיט דעֶר טיר).

פופצעֶהנטער אויפטריט.

ליזעֶ און סאשא.

ליזעֶ. (פאלט אויף אַ שטוהל) דאָס האָט נאָך געֶפעֶהלט!

סאשא. ניט געֶפעֶהרליך, אלץ וועֶט גוט זיין. די מאַמאַ וועֶלעֶן מיר בעֶרוהיגעֶן.

זעכצעֶהנטער אויפטריט.

ליזעֶ, סאשא און אננא פאוולאָוונא (געֶהט דורך).

אננא פאוול. דוניאשא, מיין טשעֶמאָדאַן!

סאשא. מאמא! הער נאָר [illegible]! (געֶהט נאָך איהר, ווינקט צו דעֶר שוועֶסטעֶר).

צווייטעס בילד.

ערשטער אויפטריט.

א צימער ביי די ציגיינער. דער כאר זינגט „קאנאוועלא“. פעדיא ליעגט אויף א דיוואן מיט'ן פנים אראב אהן א ראק. אפרעמאוו זיצט רייטענדיג אויף א שטוהל געגען דעם כאר-אנפיהרער. א נ'אפיציר זיצט ביי א טיש, אויף וועלכען עס שטעהט שאמפאניער און גלעזער. דא שטעהט א מוזיקאנט און פערשרייבט

אפרעמאוו. פעדיא, דו שלאפסט?

פעדיא. (הויבט זיך אויף). ניט גערעדט! איצט — „ניע וועטשערניאיא“.

א ציגיינער. מ'קען ניט, פיאדר וואסיליעוויטש. איצט זאל מאשא אליין עפיס זינגען.

פעדיא. נו, גוט. אבער דערנאך — „ניע וועטשערניאיא“ (לעגט זיך ווייטער).

דער אפיציר. „טשאס ראקאוואי“?

דער ציגיינער. זענט איהר מסכים?

אפרעמאוו. זאל זיין!

דער אפיציר. (צום מוזיקאנט) נו, וואס הערט זיך, האט איהר פערשריבען?

דער מוזיקאנט. אומגעגליך. יעדעס מאל געהט ארויס אנדערש. גאר אנ'אנדער סקאלא, אט דא... (רופט א ציגיינערין, וועלכע קומט אריין) ווי וועט דאס זיין? (זינגט צו).

די ציגיינערין. אט אזוי איז עס טאקע. אזוי, אויסגעצייכענט.

פעדיא. (אויפהויבענדיג זיך) ער וועט ניט פערשרייבען. און אז ער וועט יא פערשרייבען און וועט עס אריינשטופלען אין אנ'אפערע — וועט ער אלץ פערפלאכען און פערמאוסען. נו, מאשא, שטעל ארויס חאטש „טשאס“! נעהם די גיטארע! (שטעהט אויף, זעצט זיך אנטקעגען איהר און קוקט איהר אריין אין די אויגען).

מאשא. (זינגט).

פעדיא. דאס איז וואויל, אי מאשא! נו, איצט — „ניע וועטשערניאיא".

אפרעמאוו. ניין, ווארט, פריהער מיין בעגרעבניש־ליעד.

דער אפיציר, פארוואס עפיס א בעגרעבניש־ליעד?

אפרעמאוו. ווייל, ווען איך וועל שטארבען, פערשטעהסט, איך וועל שטארבען, אין קבר וועל איך ליעגען, וועלען קומען ציגיינער... פערשטעהסט? אזוי וועל איך אנזאגען מיין ווייב אין מיין צואה, און זיי וועלען זינגען „שאלמע־ווערסטא" — וועל איך פון קבר אויפשפרינגען — פערשטעהסט? (צום מוזיקאנט) אט וואס דו זאלסט פערשרייבען! נו, האק!

(די ציגיינער זינגען).

אפרעמאוו. (מאכט א קאזעליק)

(די ציגיינער שמייכלען און זינגען. מען פאטשט בראווא).

אפרעמאוו. (זעצט זיך, דאס ליעד ענדיגט זיך).

די ציגיינער, אי, מיכאיל אנדרייעוויטש, אנ'אמת'ער ציגיינער און ווייטער גארניט!

פעדיא. נו, איצט — „ניע וועטשערניאיא".

(די ציגיינער זינגען).

פעדיא. אט דאס איז זי, אט דאס איז זי! וואונדער־שען! און וואו געשיהט דאס אלץ, וואס דא ווערט ארויסגע־זאגט? אך, ווי גוט! פארוואס קען א מענש דערגרייכען צו אזא בעגייסטערונג, און פערציהען עס ווייטער איז ער ניט אימשטאנד?

דער מוזיקאנט. (פערשרייבט) יא, דאס איז זעהר אריגינעל.

פעדיא. ניט אריגינעל, דאס איז דאס ריכטיגע!

אפרעמאוו. נו, איהר רוהט אב (ער נעהמט די גיטארע און זעצט זיך צו צו קאטיא'ן)

דער מוזיקאנט. עס איז אייגענטליך זעהר איינפאך, נאר וויפיעל ריטם!

פעדיא. (מאכט מיט'ן האנד, געהט צו צו מאשא'ן. זעצט זיך נעבען איהר אויפ'ן דיוואן). אך, מאשא, מאשא, ווי דו צונעהמסט מיך, דארט אינוועניג.

מ א ש אַ. און דאָס וואָס איך האָב אייך געבעטען

פ עָ ד י אַ. וואָס? געלד? (נעהמט ארויס פון הויזען-קעשענע צו, נעהם.

מ אַ ש אַ. (לאַכט, נעהמט דאָס געלד און בעהאַלט אין בוזים).

פ עָ ד י אַ. (צו די ציגיינער) קלייב זיך דאָ פונאַנדער! זי עפּעניט פאַר מיר וועלטען און אַליין בעטעלט זי ביי מיר. מאַ-שאַ, דו הויבסט דאָך גאָרניט אָן צו פערשטעהן דאָס, וואָס דו טוסט!

מ אַ ש אַ. פאַרוואָס פערשטעה איך ניט? איך פערשטעה, אז וועמען איך האָב ליעב, פאַר יענעם פלייס איך זיך און זינג בעסער.

פ עָ ד י אַ. און מיך ליעבסט דו?

מ אַ ש אַ. ווייזט אוים, אַז איך ליעב.

פ עָ ד י אַ. וואונדערבאַר! (קושט זי).

צווייטער אויפטריט.

די ציגיינער און ציגיינערינס געהען אַב, עס שטעלען זיך אַב פּאָרלעך: פ עָ ד י אַ מיט מ אַ ש אַ, אַ פ ר עָ מ אָ ו ו מיט ק אַ ט י אַ, ד עָ ר אָ פ י צ י ר מיט מ אַ ש אַ. ד עָ ר מ ו ז י-ק אַ נ ט שרייבט, אַ צ י ג יי נ עָ ר קלאַפּט אוים אַ וואַלס אויף דער גיטאַרע):

פ עָ ד י אַ. איך בין דאָך אַ בעוויינטער. און דיר ערלויבט דאָך דער לאַר ניט.

מ אַ ש אַ. דער לאַר איז זיך איין זאַך און דאָס האַרץ איז אַן אַנדער זאַך. אַז איך ליעב וועמען ליעב איך. און ווער עס איז מיר מאוס, איז מאוס.

פ עָ ד י אַ. גוט! און דיר איז גוט?

מ אַ ש אַ. פערשטעהט זיך גוט. ווען עס זענען דאָ גוטע געסט, איז אונז אויך פרעהליך.

דריטער אויפטריט.

(ס׳קומט אריין אַ ציגײַנער).

אַ ציגײַנער. (צו פעדיאַ׳ן) אויף אײַך פרעגט זיך אַ הערר.

פעדיאַ. וואָס פאר אַ הערר?

דער ציגײַנער. כ׳ווייס ניט. גוט געקליידעט. אין אַ סאָבאָל־פעלץ.

פעדיאַ. אַ פריץ? נו, וואָס איז די רייד, רוף איהם אריין.

פיערטער אויפטריט.

דיזעלבע (אָהן דעם ציגײַנער).

פעדיאַ. אַ, וויקטאָר! אָט וועמען איך האָב גאָר ניט ערוואַרט! וואַרף אראָב דעם פעלץ. וואָס פאַר אַ ווינד האָט דיך אהער געבראַכט? נו, זעץ דיך, הער „ניע וועטשערניאַיאַ“.

קארענין. Je voudrais wous parler sous tèmoins.

(איך וויל מיט אײַך רײדען אונטער פיער אויגען)

פעדיאַ. וועגען וואָס?

קארענין. Je viens de cheź vous. Votre femme m'a chargé de cette letfre et puis.

(איך קום אָט ערשט פון אײַך, אײַער פרוי האָט מיר געגעבען אָט דעם בריעף און...)

פעדיאַ. (נעהמט דעם בריעף, לייענט, ברוגז׳ט זיך, דערנאָך הויבט ער אָהן ליעבליך צו שמייכלען) הער אויס, קארענין, דו ווייסט וואָס עס איז געשריבען אין דעם בריעף?

קארענין. כ׳ווייס. און כ׳וויל זאָגען...

פעדיאַ. וואַרט, וואַרט. דו מיין נור ניט, אַז איך בין שכור און מײַנע ווערטער זענען ניט בײַם קלאָרען זינען, ד. ה. איך אַליין בין ניט בײַם קלאָרען זינען. איך בין טאַקי שכור, נור די זאַך זעה איך קלאָר און דײַטליך. נו, וואָס האָט מען דיר געהייסען זאָגען?

קארענין. מיר האָט מען געבעטען געפינען דיך און זאָגען דיר אַז... זי... ערוואַרט דיך. זי בעט דיך אַלץ

פערגעסען און קומען צוריק.

פעדיא. (הערט אוים שווייגענד, קוקט איהם אין די אויגען) איך פערשטעה פונדעסטוועגען ניט, ווי קומסטו, דו?...

קארענין. יעליזאוועטא אנדרייעוונא האט געשיקט נאך מיר און האט מיך געבעטען...

פעדיא. אזוי...

קארענין, איך רייד ניט אזוי אינ׳ם נאמען פון דיין פרוי ווי פון מיין אייגענעם נאמען. איך בעט דיך, לאמיר פאהרען אהיים.

פעדיא. דו ביזט א בעסערער מענש פון מיר. נארישקייטען! עס איז זעהר לייכט צו זיין בעסער פאר מיר. איך בין א טויגעניכטס און דו ביזט א גוטער, א גוטער מענש. און צוליעב דעם אליין וועל איך ניט ענדערן מיין בעשלוס. און ניט צוליעב דעם, נור אייניפאך איך קען ניט און וויל ניט... נו, ווי אזוי וועל איך פאהרען?

קארענין. לאמיר איצט פאהרען צו מיר. איך וועל איהר זאגען, אז דו קומסט צוריק און מארגען...

פעדיא. און מארגען וואס? איך וועל אלץ בלייבען איך און זי—זי (געהט צום טיש און טרינקט) א צאהן דארף מען מיט איינמאל ארויסרייסען. איך האב דאס געזאגט, אז אויב איך וועל ווייטער ניט האלטען ווארט, זאל זי מיך אוועקווארפען. איך האב מיין ווארט ניט געהאלטען, און אלץ איז געענדיגט.

קארענין. פאר דיר, אבער ניט פאר איהר.

פעדיא. מארנע, עפעס זארגסטו זעהר, אז אונזער הייראט זאל חלילה ניט צושטערט ווערען.

קארענין. (וויל עפיס זאגען, עס קומט צו מאשא).

פעדיא. (שלאגט איהם איבער) דו הער בעסער, ווי זי זינגט „ליאן". מאשא!

(די ציגיינער קומען זיך צונויף).

מאשא. (שושקענדיג) אנשטענדיג אנרופען איהם.

פעדיא. (לאכט) אנשטענדיג: וויקטאר, הארינקע, מיכאילאוויטש.

(די ציגיינער זינגען).

קאַרעֶנין. (הערט פערשעסט, פרעגט דערנאָך): וויפיעל געֶבען זיי?

פעֶדיאַ. נו, גיב אַ פינפאונצוואַנציגער!

קאַרעֶנין. (גיט).

פעֶדיאַ. פרעֶלעֶטיג! איצט — „ליאָן" (די ציגײַנער זינגען).

פעֶדיאַ. (קוקט זיך אַרום) אַנטלאָפען קאַרעֶנין, נו, מיט'ן רויך!

(די ציגײַנער געהען זיך פונאַנדער).

זעקסטער אויפטריט.

פעֶדיאַ. (זעצט זיך מיט מאַשאַ'ן) דו ווייסט, ווער ער איז?

מאַשאַ. כ'האָב געהערט די פאַמיליע.

פעֶדיאַ. ער איז אַנ'אויסגעצייכענטער מענש. ער איז געקומען רופען מיך אַהיים, צו מיין פרוי. זי ליעבט מיך, דעם שוטה, און איך, אָט וואָס איך טו!

מאַשאַ. וואָס-זשע, ס'איז טאַקע ניט גוט. מען דאַרף פאַהרען צו איהר, מען דאַרף אויף איהר רחמנות האָבען.

פעֶדיאַ. דו מיינסט מ'דאַרף? און איך מיין, אַז מ'דאַרף ניט.

מאַשאַ, געוויס, ווען דו ליעבסט ניט, דאַרף מען ניט. נאָר די ליעבע איז זעהר טײַער.

פעֶדיאַ. פון וואַנען ווייסט דו עס?

מאַשאַ. מסתמא ווייס איך...

פעֶדיאַ. נו, קוש מיך, עה, ציגײַנער! נאָכאַמאָל „ליאָן" און דאַן — באַסטאַ!

(די ציגײַנער הויבען אָן זינגען).

פעֶדיאַ. אַך, ווי גוט. ווען איך וואָלט זיך קײנמאָל ניט אויפגעחאַפּט... אָט אַזוי שטאַרבען...

(פאָרהאַנג.)

צווייטער אקט.

ערשטעס בילד.

נאָכ'ן ערשטען אקט איז פאַריבער צוויי וואָכען. ביי ליזען. קאַרעניִן און אננא פאוולאָוונא זיצען אין עס-צימער.
ס'קומט אריין סאשא.

ערשטער אויפטריט.

קארעניִן. נו, וואָס?

סאשא. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז עס איז קיין געפאַהר ניטאָ. מען זאָל איהם נאָר ניט פערקיהלען.

אננא פאוול. און ליזע איז גאָר אוים מענש.

סאשא. דער דאָקטאָר זאָגט, אז עס איז א פאלשער קרופ אין א לייכטער פאָרם. (ווייזט אָן אויף א קאָרב) וואָס איז דאָס?

אננא פאוול. דאָס האָט וויקטאָר געבראַכט ווייַנטרויבען.

קארעניִן. ווילט איהר אפשר?

סאשא. יאָ, זי ליעבט עס. זי איז זעהר נערוועז געוואָרען.

קארעניִן. צוויי נעכט ניט שלאָפען און ניט עסען.

סאשא. (שמייכלענדיג) און איהר אויך דאָך.

קארעניִן. איך — ס'איז גאָר אַנ'אנדערע זאך.

צווייטער אויפטריט.

דיזעלבע. (ס'קומען אריין) דער דאקטאר און ליזע.

דער דאקטאר. (אויטאריטעטיש) זא, זא. יעדע האלבע שעה זאלט איהר בייטען, אויב ער וועט ניט שלאפען. אויב ער וועט שלאפען, ריהרט איהם ניט. שמירען דעם האלז דארף מען ניט. די טעמפעראטור זאלט איהר אין צימער האלטען דיזעלבע.

ליזע. און אויב עס וועט איהם ווידער פערחאפען דער אטעם.

דער דאקטאר. עס דארף ניט געשעהען. געשיהט עס — איז פולווערויזאציע. און אויסערדעם פראשקעס, אין דערפריה איינעם און אין אווענד נאך איינעם. אט וועל איך עס צושרייבען.

אננא פאוול. ווילט איהר ניט, דאקטאר, טיי?

דאקטאר. ניין, כ'דאנק, די קראנקעווארטען. (זעצט זיך ביים טיש).

(סאשא דערלאנגט איהם פאפיר און טינט).

ליזע. איז עס בעשטימט ניט קיין קרופ?

דאקטאר. (שמייכלענדיג) גאנץ ריכטיג. (שרייבט).

קארענין. (צו ליזען) נו, טרינקט איהר איצט טיי אדער גלייכער — געהט רוהט זיך אוים, גיט א קוק אויף זיך, וואס עס איז פון אייך געווארען.

ליזע. איצט האב איך אבגעלעבט. א דאנק אייך. אט איז אנ'אמת'ער פריינד. (דריקט איהם די האנד).

(סאשא געהט אב מיט בעם).

ליזע. איך דאנק אייך, מיין פריינד. אט וואו פר...

קארענין. וואס האב איך אזוינס געטאן? עס איז ווירקליך ניטא פארוואס מיר צו דאנקען.

ליזע. און ווער האט קיין נעכט ניט געשלאפען? ווער האט געבראכט אט די בערימטהייט?

קארענין. איך בין שוין בעלוינט מיט דעם, וואס מי־קא איז אויסער געפאהר, און הויפטזעכליך מיט אייער גוטסקייט.

ליזע. (דריקט איהם ווייטער די האנד און לאכט, בעווייזט איהם א מטבע אין איהר האנד) דאס איז פאר'ן דאקטאר. נאר איך קען

קײנמאָל ניט ; איך װײס ניט װי אַזױ מען גיט .

קאַרענין . איך קען אױך ניט .

אַננאַ פּאַװל . װאָס איך קען ניט ?

ליזע . געבען געלד דעם דאָקטאָר . ער האָט מיר גע־ראַטעװעט דאָס , װאָס איז טײערער פֿונ׳ם לעבען אַלײן און איך גיב איהם געלד . ס׳איז עפּיס אַן׳אונאַנגענעהם געפֿיהל .

אַננאַ פּאַװל . גיב אַהער , איך װעל געבען . איך װײס װי . זעהר אײנפאַך .

דער דאָקטאָר . (שטעהט אױף און גיט דעם רעצעפּט) די פּראָשקעס גיט אין אַן׳עס־לעפֿעל געקאָכט װאַסער . גוט אױס־מישען און ... (רעדט װײטער) .

(קאַרענין בײם טיש טהינקט טײ . ס׳טרעטען פֿאָר אין פֿאָדער־גרונד אַננאַ פּאַװל . און סאַשאַ) .

סאַשאַ . איך קען ניט זעהן זײערע בעציהונגען . ריכטיג װי זי איז פֿערליבט אין איהם .

אַננאַ פּאַװל . װאָס איז עס פֿאַר אַן׳עולה ?

סאַשאַ . עקעלהאַפֿט .

דער דאָקטאָר . (געהט אװעק . געזעגענט זיך מיט אַלעמען . אַננאַ פּאַװל . געהט איהם בעגלײטען) .

דריטער אױפֿטריט .

ליזע , קאַרענין און סאַשאַ .

ליזע . (צו קאַרענינען) ער איז איצט אַזױ ליעב . װי עס איז איהם נאָר געװאָרען לײכטער , האָט ער אָנגעהױבען שמײכלען און בעלעבעטשען . איך װיל געהן צו איהם . און פֿון אײך אװעקגעהן װילט זיך אױך ניט .

קאַרענין . טרינקט טײ , עסט עטװאָס .

ליזע : איך דאַרף איצט קײן זאַך ניט . מיר איז איצט אַזױ גוט , אַזױ גוט נאָכ׳ן שרעק , װאָס איך האָב איבערגע־לעבט . (חליפּעט) .

קאַרענין . איט זעהט , װי שװאַך איהר זענט .

ליזע . איך בין גליקליך . איהר װילט אַ קוק טאָן אױף איהם ?

קאַרעניִן. פערשטעהט זיך.
ליזע. קומט מיט מיר. (געהען אַב).

פיערטער אויפטריט.

אַננאַ פּאַוול. (קומט צוריק צו סאַשאַ'ן).

אַננאַ פּאַוול. וואָס האָסטו זיך אָנגעבלאָזען. כ'האָב אַזוי שוין אָבגעגעבען דאָס געלד, אַז ער האָט גענומען.

סאַשאַ. עקעלהאַפט! זי האָט איהם מיטגענומען אין קינדער־צימער. ריכטיג ווי ער וואָלט געווען איהרער אַ חתן אָדער אַ מאַן.

אַננאַ פּאַוול. וואָס גע͏ַהט עס דיר אָן? פאַרוואָס קאָכסטו זיך אַזוי? דו האָסט זיך אפשר געקליבען חתונה האָבען מיט איהם?

סאַשאַ. איך?! פאַר דעם האַלץ? איך וועל בעסער כ'וויים ניט מיט וועמען חתונה האָבען, אַבי ניט מיט איהם. מיר איז עס קיינמאָל נאָך ניט איינגעפאַלען. מיר עקעלט נאָר, וואָס ליזע קען נאָך פעדיא'ן ווערען נאָהנט צו אַ פרעמדען מענשען.

אַננאַ פּאַוול. וואָס איז ער פאַר אַ פרעמדער — אַ פריינד פון די קינדער־יאָהרען.

סאַשאַ. איך זעה אָבער נאָך זייער שמייכלען, אין זייערע אויגען, אַז זיי זענען פערליעבט.

אַננאַ פּאַוול. וואָס איז דאָ דער וואונדער? אַ מענש האָט אַנטייל גענומען אין דער קראַנקהייט פונ'ם קינד, האָט מיטגעפיהלט מיט איהר, האָט איהר געהאָלפען—און זי איז איהם דאַנקבאַר. און אויסערדעם פאַרוואָס טאַקע, זאָל זי איהם ניט ליעב האָבען און ניט וועלען חתונה האָבען מיט איהם?

סאַשאַ. דאָס וואָלט געווען שרעקליך! עקעלהאַפט! עקעלהאַפט!

פינפטער אויפטריט.

ס'קומען אַריין קאַרעניִן און ליזע. קאַרעניִן געזעגענט זיך שווייגענד ...

סאשא. (געהט אָב מיט כעס).

זעקסטער אויפטריט,

אַננאַ פּאַוול, און ליזע.

ליזע. (צו דער מוטער) וואָס איז מיט איהר?

אננא פּאַוול. ריכטיג איך ווייס ניט.

ליזע. (זיפצט שוויגענד).

צווייטעס בילד.

א קאַבינעט ביי אַפּרעמאָוו'ן. אויף אַ טיש אָנגעגאָסענע גלעזער מיט וויין. געסט.

ערשטער אויפטריט.

אַפּרעמאָוו, פעדיאַ, סטאַלאָוו (אַ האָהריגער), בוטקעוויטש (אַ גערעזירטער), קאָראָטקאָוו (אַ שפּיציגער).

קאָראָטקאָוו. און איך זאָג אייך, אז ער וועט בלייבען הינטערן פאָהן. לאַ-בעל-בוא—איז די ערשטע אין אייראָפּא. לאָמיר זיך וועטען!

סטאַל. גענוג, ברודער. דו ווייסט דאָך, אז קיינער גלויבט דיר ניט און קיינער וועט זיך מיט דיר ניט וועטען.

קאָראָטקאָוו. איך זאָג דיר, דיין קאַרטוש בלייבט הינטערן פאָהן!

אַפּרעמאָוו. נו, גענוג קריגען זיך. איך וועל מאַכען א שלום צווישען אייך. פרעגט פעדיאַ'ן, ער וועט שוין ריכטיג זאָגען.

פעדיאַ. ביידע פערד זענען גוטע, עס הענגט נאָר אָב פונ'ם רייטער.

סטאַב. נוסיעוו איז אַ געמײַנער יונג, מ׳דאַרף איהם נאָר האַלטען ווי געהעריג אין די הענד.

קאַראָטקאָוו. (שרייט) ניין!

פעדיאַ. אַנ׳עק, וואַרט, איך וועל מאַכען אַ פשרה. ווער האָט גענומען די פרעמיע?

קאַראָטקאָוו. גענומען, דאָס האָט אָבער קיין ווערט ניט. עס איז אַ צופאַל. ווען קראַקוס וואָלט ניט קראַנק געוואָרען... קוק... (ס׳קומט אַריין אַ דינער).

צווייטער אויפטריט.

דיזעלבע און דער דינער.

אַפרעמאָוו. וואָס דאַרפסטו?

דינער. אַ פרוי איז געקומען. זי פרעגט זיך אויף פיאָדר וואַסיליעוויטש.

אַפרעמאָוו. אַ וואָסערע? אַ דאַמע?

דינער. כ׳קען ניט וויסען, נאָר אַ ריכטיגע דאַמע.

אַפרעמאָוו. פעדיאַ, צו דיר איז געקומען אַ דאַמע.

פעדיאַ. (דערשראָקען) ווער איז עס?

אַפרעמאָוו. ער ווייסט ניט.

דינער. זי וואָלט אייך געבעטען אין זאַל אַריין.

פעדיאַ. וואַרט. איך וועל געהן זעהן. (פעדיאַ און דינער געהען אָב).

דריטער אויפטריט.

דיזעלבע אָהן פעדיאַ׳ן און אָהן דינער.

קאַראָטקאָוו. ווער האָט עס געקענט קומען צו איהם? מסתמא מאַשקאַ.

סטאַב. וועלכע מאַשקאַ?

קאַראָטקאָוו. די ציגײַנערין מאַשקאַ. זי האָט זיך פערליעבט אין איהם, ווי אַ קאַץ איז זי פערליעבט.

סטאַב. אַי ס׳איז אַ ליעב מיידעל! און ווי זי זינגט!...

אַפרעמאָוו. פרעכטיג! טאַניושאַ און זי. געכטען האָ-

בען זיי געזונגען מיט פיאטר'ן...

סטאל. כ'אר א מול ער האט עס א ביסעל!..

אפרעמאוו. וואס ווייבער האבען איהם ליעב? נאט, דער לעבעדיגער מיט זיי!

קאראטקאוו. איך טראג ניט איבער ציגיינעריגם — קיין עלעגאנץ ניטא.

בוטקעוויטש. נו, רייד שוין ניט.

קאראטקאוו. איך וואלט זיי אלע אבגעגעבען פאר איין פראנצויזין.

אפרעמאוו. דו ביסט דאך אנ'עסטעטיקער! מ'דארף געהען זעהען וויער איז עס... (געהט אב).

פיערטער אויפטריט:

דיזעלבע אהן אפרעמאוו'ן

סטאל. אויב ס'איז מאשא, ברענג זי אהער, זאל זי עפעס זינגען. ניין, ניטא היינט אמאליגע ציגיינער! טאניושא איז געווען... אך, חאפט מיך דער טייוועל!

בוטקעוויטש. און איך זאג, אז ס'זענען דיזעלבע ווי אמאל.

סטאל. ווי אזוי ארום דיזעלבע? געמיינע ראמאנסען זינגען זיי אנשטאט ליעדער.

בוטקעוויטש. ראמאנסען זענען אויך דא גוטע.

קאראטקאוו. ווילסט זיך וועטען, אז איך וועל זיי לאזען זינגען עטוואס און דו וועסט ניט דערקענען צי איז עס א ראמאנס צי א ליעד.

סטאל. קאראטקאוו — אייביג מיט'ן געוועט.

פינפטער אויפטריט.

דיזעלבע און אפרעמאוו.

אפרעמאוו. (קומט אריין). מיינע העררען, ס'איז ניט מאשא. ניטא וואו אויפצונעהמען די דאמע אויסער אין דעם צימער, לאמיר געהן אינ'ם ביליארד-צימער. (געהען אב).

זעקסטער אויפטריט.

ס'קומען אריין פעדיא און סאשא.

סאשא. (צומישט) פעדיא, האב קיין פעריבעל ניט, אפשר איז דיר אונאנגענעהם, נאר איך בעט דיך, ... ער מיך אוים, (איהר שטים ציטערט).

פעדיא. (געהט ארום איבערן צימער. סאשא זעצט זיך, קוקט אויף איהם).

סאשא. פעדיא, געה צוריק אהיים.

פעדיא: הער, סאשא, איך פערשטעה דיך זעהר גוט. סאשא, ליבע, איך אויף דיין ארט וואלט אויך געטאן דאסזעלבע: איך וואלט מיר געגעבען מיה צו מאכען אלץ ווי עס איז געוועזן. נאר אויף מיין ארט: ווען דו, א פיין פיהלענד, ליעב מיידעל, וואלסט געוועזן אויף מיין ארט, וואלסטו גאנץ געווים געטאן דאסזעלבע, וואס איך, ד. ה. דו וואלסט אוועק און אויפגעהערט צו שטערען און פערפלאנטערן א פרעמד לעבען.

סאשא: פארוואס שטערען? קען דען ליזע לעבען אהן דיר?

פעדיא. אך, דו ליעבע סאשא. זי קען, זי קען און וועט נאך זיין גליקליך. פיעל גליקליכער ווי פאר מיר

סאשא. קיינמאל ניט.

פעדיא. עס ווייזט זיך דיר נאר אוים אזוי. (האלט איהר האנד אין זיין האנד). נאר ניט דאס איז דער עיקר. די הויפטזאך איז דאס, וואס איך קען ניט. דו ווייסט, א גראב שטיק פאפיער קענסטו בויגען אהער און אהין, הונדערט מאל ועסטו בויגען — עס וועט אלץ האלטען, און אז דו וועסט א בויג טאן דאס הונדערט און ערשטע מאל, וועט ע ... זיך פונאנדערגעהן. אזוי איז געוועזן מיט מיר און ליזען. איך קען איהר אין די אויגען ניט א קוק טאן, עס טוט מיר וועה. מיט איהר איז אויך דאסזעלבע, גלויב מיר.

סאשא. ניין, ניין.

פעדיא. דו זאגסט — ניין, און דו אליין ווייסט, אז עס איז אזוי.

סאשא. איך קען נאר אורטיילען נאך מיר נאך. ווען איך וואלט געוועזן אויף איהר ארט און דו וואלסט מיר געענט-

פערט אַזוי — וואָלט עס פאַר מיר געווען .

פעדיאַ. יאָ, פאַר דיר... (ביידע ש[illegible] [illegible]ין צומישט)!

סאַשאַ. (שטעהט אויף) איז עס מעגליך, אַז עס וועט בלייבען אַזוי?

פעדיאַ. עס ווייזט אויס...

סאַשאַ. פעדיאַ, געה צוריק.

פעדיאַ. כ'דאַנק דיר, ליעבע סאַשאַ, דו וועסט מיר שטענדיג בלייבען ווי אַ טייערע ערינערונג... נור זיי געזונד, מיין טייבעלע. לאָז מיר דיך אַ קוש טון (קושט זי אויפ'ן קאָפּ).

סאַשאַ. (אויפגערעגט) ניין. איך געזעגען זיך ניט, איך בלייב ניט און וויל ניט בלייבען... פעדיאַ...

פעדיאַ. טאָ הער-זשע מיך אויס. נור אַ וואָרט גיב מיר, אַז אַלץ וואָס איך וועל דיר זאָגען וועסטו קיינעם ניט דערצעה-לען. גיסט אַ וואָרט?

סאַשאַ. זעלבסטפערשטענדליך.

פעדיאַ. טאָ הער-זשע, סאַשאַ. אמת איך בין איהר מאַן און דער פאָטער פון איהר קינד, נור איך בין אַן'איבע-ריגער... לאָז, וואַרט, שלאָג מיך ניט איבער. דו מיינסט, אַז איך בין איבערצייגט? — עס הויבט זיך ניט אָן! ערשטענס האָב איך דערויף גאָר קיין רעכט ניט און צווייטענס — עס איז גאָר קיין אורזאַך ניטאָ. וויקטאָר קאַרענין איז איהרער און מיי-נער אַן'אַלטער פריינד. ער ליעבט זי און זי ליעבט איהם.

סאַשאַ. ניין.

פעדיאַ. זי ליעבט איהם ווי עס קען ליעבען אַן'אָנ-שטענדיגע און מאָראַלישע פרוי, וואָס ערלויבט זיך ניט צו ליע-בען קיינעם א' סער איהר מאַן. נור זי ליעבט איהם און וועט ליעבען, ווען אָט די שטערונג (בעווייזט אויף זיך) וועט בעזייטיגט ווערען, און איך וועל זי בעזייטיגען, זיי וועלען זיין גליקליך (זיין שטים ציטערט).

סאַשאַ. רייד ניט אַזוי, פעדיאַ.

פעדיאַ. דו ווייסט דאָך, אַז אַלץ, וואָס איך זאָג, איז אמת. איך וועל זיין צופריעדען מיט זייער גליק און בעסערס קען איך ניט טון... איך וועל ניט געהן צוריק. איך וועל זיי

לעבען פרייהייט..., און אזוי זאג זיי. רייד מיהר ניט, רייד ניט, זיי געזונד! (קושט איהר אין קאפ און עפענט די טיר).

סאשא. איך בין ענטציקט פון דיר, פעדיא!

פעדיא. זיי געזונד, זיי געזונד... (סאשא געהט אב).

זיעבענטער אויפטריט.

פעדיא אליין.

פעדיא. יא, יא... פרעכטיג, אויסגעצייכענט... (קלינגט).

אכטער אויפטריט

פעדיא און א דיענער.

פעדיא. רופט דעם ווירט!

ניינטער אויפטריט.

פעדיא אליין.

פעדיא. און עס איז אנ׳אמת, אנ׳אמת...

צעהנטער אויפטריט

ס׳קומט אריין אפרעמאוו

פעדיא: לאמיר געהן:

אפרעמאוו: ווי האסטו עס איינגעארדענט?

פעדיא: פרעכטיג! „און זי האט געשווארען, געשווארען" פרעכטיג! וואו זענען עס אלע?

אפרעמאוו: זיי שפיעלען דארט.

פעדיא: אויסגעצייכענט, לאמיר געהן, לאמיר אויך געהן פערברענגען א ביסעל!

דריטער אקט.

ערשטעס בילד.

די האַנדלענדע פּערזאָנען.

פירשט אבּרעזקאָוו, — אַ 60־יעהריגער עלעגאַנטער בחור, געראַזירט, מיט וואָנסעס, אַן׳אַלטער מיליטער־מענש, האַלט זיך מיט ווירדע און מעלאַנכאָליש. אננאַ דמיטריעוונאַ קאַרענין (וויקטאָרס מוטער) יונגט זיך, אַ 50־יעהריגע גראַנד־דאַם. אינ׳ם רייִדען מישט זי אַריין פראַנצויזישע ווערטער. אַ דיענער. וויקטאָר. ליזע. אַ שען איינפאַך קאַבּינעט בייַ אננאַ דימיטריעוונאַ, פול מיט סובּעניִרען.

ערשטער אויפטריט

אננאַ דימיטריעוונאַ (שרייבּט)

צווייטער אויפטריט.

אננאַ דימיטריעוונאַ און אַ דיענער

דער דיענער. פירשט סערגיי דימיטריעוויטש.

אננאַ דמיט. פערשטעהט זיך! (דרעהט זיך אום מאַכט זיך צורעכט בּיים שפּיגעל).

דריטער אויפטריט.

פּירסט אָבּרעזקאָוו (ארײַנגעהענדיג). Ie espere que je ne force pas la consigne. (איך האָף, אַז איך האָב זיך ניט ארײַנגעריסען מיט געוואלד).

אַננאַ דמיט. איהר ווײַסט דאָך, אַז Vous êtes toujours le bievenu (איהר זענט שטענדיג ווילקאָמען). און איצט, הײַנט בעזונדערס. איהר האָט ערהאַלטען מײַן צעטיל?

פּירסט אָבּרעזקאָוו. און אָט איז מײַן ענטפער.

אַננאַ דמיט. אַך, מײַן פרײַנד, איך הויב אָן ארײַנפאַלען אין פערצווייפלונג. Je est ensoreelé positivement onsorcelé (ער איז פער׳כשופ׳ט, אינגאַנצען פער׳כשופ׳ט). איך האָב קײנמאָל ניט בעמערקט אין איהם אַזאַ עקשנות, אַזוי פיעל שטאַנדהאַפטיגקײט און אַזאַ האַרטקײַט און גלײַכגילטיגקײַט צו מיר. ער האָט זיך אינגאַנצען געענדערט זינט די דאָזיגע פרוי האָט געוואָרפען איהר מאַן.

פּירסט אָבּרעזקאָוו. וואָס איז אַזוינס! וואו האַלט עס?

אַננאַ דמיט. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און וויל דוקא הײראַטען מיט איהר.

פּירסט אָבּרעזקאָוו. און וואָס איז מיט איהר מאַן?

אַננאַ דמיט. ער גיט גט.

פּירסט אָבּרעזקאָוו. אַזוי גאָר.

אַננאַ דימיט. און ער, וויקטאָר, קוקט עס נור אויס. און די גאַנצע שמוץ, אַדוואָקאַטען, די שולד־בעווײַזונג Tout ça est dégoutant (דאָס אַלץ איז העסליך) און דאָס האַלט איהם גאָר ניט אָב. איך פערשטעה איהם ניט, ער מיט זײַן פײַנפיהליגקײַט, מיט זײַן שעמעוודיגקײַט...

פּירסט אָבּרעזקאָוו. ער ליעבט. אָהאָ, ווען אַ מענש ליעבט אויפריכטיג, דאַן...

אַננאַ דמיט. יאָ, נור פאַרוואָס אין אונזער צײַט האָט די ליעבע געקאָט זײַן ריין, פאַרוואָס האָט זי געקאָנט זײַן אַ פרײַנדשאַפט, וואָס דויערט דאָס גאַנצע לעבען? אַזא ליעבע פערשטעה איך און שעץ.

פּירסט אָבּרעזקאָוו. איצט איז אַנ׳אַנדער דור, ער קען זיך בעגניגענען מיט אידיעלע בעציהונגען. La possession

(די ערבערונג פון דער נשמה איז de l'âme ne leur suffit plus זיי ווענינ) . נאר וואס וועט זיין מיט איהם ?

אננא דמיט. ניין, פון איהם רעדט ניט. עס איז עפּיס א כשוף. ריכטיג ווי מען האט איהם מיר אונטערגעביטען. איהר ווייסט, איך בין דאך געווען ביי איהר. ער האט מיך געבעטען, איך בין געפאהרען, האב זי ניט געפונען אין דער־היים און האב געלאזען מיין וויזיט־קארטע.

Elle ma fait demander si je ne pourais la recevoir (זי האט מיך געלאזען פרעגען אויב איך וועל זי קאנען אויפנעהמען) און היינט (קוקט אויפ'ן זייגער) צוויי אוהר, ד. ה. באלד, דארף זי קומען. איך האב וויקטאר'ן צוגעזאגט צו אויפנעהמען זי, נאר איהר פערשטעהט מיין לאגע? איך בין אויסער זיך. און לויט דער אלטער געוואוינהייט האב איך געשיקט נאך אייך. מיר איז נויטיג אייער הילף.

פירסט אבּרעז. כ'דאנק אייך.

אננא דמיט. איהר פערשטעהט נור, אז פון דעם איצטי־גען בעזוך איהרען הענגט אב די גאנצע זאך — וויקטאר'ס שיקזאל. איך מוז אדער געבען מיין צושטימונג אדער פערקעהרט. און ווי קען איך?

פירסט אבּרעז. איהר קאנט זי גארניט?

אננא דמיט. כ'האב זי קיינמאל ניט געזעהען. נאר איך שרעק זיך פאר איהר. אנ'אנשטענדיגע פרוי קען ניט פער־לאזען איהר מאן א גוטען מענשען. ער איז דאך וויקטאר'ס קאמעראד, ער פלעגט אפט קומען צו אונז. ער איז געווען א זעהר ליעבער מענש — און ווער ער זאל ניט זיין!

quels que soient les torts quil a eus vis-a-vis d'elle (וואס פאר אַנ'עולות ער זאל איהר ניט זהאבען געטאן) מען טאר ניט ווארפען א מאן. מען דארף טראגען דעם פעקיל. איך פערשטעה נאר איין זאך ניט; ווי קען וויקטאר, מיט זיינע איבערצייגונגען איינגעהן אויף דעם — חתונה האבען מיט א גרושה. וויפיעל מאל — און נאך דא ניט לאנג האט ער געהאט וועגען דעם א וכוח מיט ספּיצינען — האט ער בעוויזען, אז דער גט שטימט ניט מיט די פּרינציפּען פון קריסטענטום, און איצט געהט ער

אַלײן אײַן אויף דעם . Si elle a pu le charmer a un tel point (װען זי האָט געקענט איהם אַזוי בעצױבערן) האָב איך מורא פאַר איהר. איבערינגענס, איך האָב דאָך אײַך גערופען אום צו הערען אײַער מײנונג און איך רעד אַלײן די גאַנצע צײַט . זאָגט, װאָס מײנט איהר ? װאָס דאַרף מען טאָן ? איהר האָט גערעדט מיט װיקטאָר'ן ?

פירסט אָברעזקאָװ. כ'האָב גערעדט מיט איהם . און איך מײן, אַז ער ליעבט זי און ער ליעבט אַזױ, אַז די ליעבע האָט אויך אַ מאַכט . ער איז אַ מענש, װאָס לאָזט זיך בעהערשען לאַנגזאַם אָבער פעסט . װאָס עס האָט זיך אײַנגעבאַקען בײַ איהם אין האַרצען דאָס װעט ניט אַרױסגעריסען װערען . ער װעט שױן קײן פרױ, אױסער איהר, ניט ליעבען. אויב ניט מיט איהר, װעט ער שױן מיט אַנ'אַנדערער גליקליך ניט זײַן .

אַננאַ דמיט. װאַריאַ קאָזאַנצעװאַ װאָלט דאָך פאַר איהם חתונה געהאַט . װאָס פאַר אַ פרעכטיג מײדעל . . . און זי ליעבט איהם ! . .

פירסט אָברעזקאָװ . l'est compter sans (שמײַכעלענדיג) son hote (דאָס הײסט אױסרעכענען אָהן דעם בעל-הבית) דאָס איז איצט אַ חלום, און איך מײן, אַז עס איז בעסער צו אונטערגעבען זיך און העלפען זײ הײראַטען .

אַננאַ דמיט. אויף אַ גרושה ? ער זאָל זיך בעגעגענען מיט איהר מאַן ? איך פערשטעה ניט װי קענט איהר עס אַזױ רוהיג זאָגען . צי דאָס איז די פרױ, װאָס אַ מוטער קען זיך װינשען פאַר איהר אײנציגען זוהן — און אַזאַ זוהן ?

פירסט אָברעזקאָװ . װאָס קען מען מאַכען, ליעבער פרײַנד ? פערשטעהט זיך , אַז גלײַכער װאָלט געװען, ער זאָל חתונה האָבען מיט אַ יונג מײדעל , װעלכע איהר קאָנט און ליעבט . נאָר װען עס איז אונמעגליך ... װאָס װאָלט געװען, אַז ער װאָלט חתונה געהאַט מיט אַ ציגײַנערין אָדער גאָט װײסט מיט װעמען... ליזע פראָטאַסאָװאַ איז זעהר אַנ'אַנשטענדיגע און ליעבע פרױ . איך אורטײל לױט די רײד פון איהר קוזינע נעלי און קאָן זי : אַ בעשײדענע, אַ האַרציגע, אַ ליעבענדע און מאָראַלישע פרױ .

אַננאַ דמיט. אַ מאָראַלישע פרױ, װאָס װאַרפט אַװעק איהר מאַן ? !

פירסט אבּרעזקאָוו. איך דערקאָן אייך ניט. איהר זענט ניט גוט, האַרט. איהר מאַן איז איינער פון די מענשען, וועגען וועלכע מען זאָגט, אַז ער איז אַ שונא נאָר זיך אַליין. ער איז נאָך אָבער מעהר שונא זיין פרוי. ער איז אַ געפּאַלע־נער, אַ כאַראַקטערלאָזער און אַ שכּור. ער האָט פערשאַרלאַ־טאַנעוועט זיין פערמעגען און איהר פערמעגען — זי האָט אַ קינד... ווי קען מען אויף איהר פעראיבּעל האָבען, וואָס זי האָט אַוועקגעוואָרפען איהר מאַן. און נאָך אַלע זאַכען, האָט ער זי אַוועקגעוואָרפען, ניט זי איהם.

אננאַ דמיט. אַך, וואָס פאַר אַ שמוץ, וואָס פאַר אַ שמוץ. און איך דאַרף זיך אין איהם ברודיגען.

פירסט אבּרעזקאָוו. און אייער רעליגיע?

אננאַ דמיט. יאָ, יאָ, מחילה. „ווי מיר רעכענען זיך מיט אונזערע בעלי־חובות“. Mais c‘ect plus fort que moi (דאָס איז צו־שווער פאַר מיר).

פירסט אבּרעזקאָוו. ווי זאָל זי לעבען מיט אַזאַ מענשען? וואָלט זי ניט געליעבּט אַן׳אַנדערן וואָלט זי עס גע־מוזט טאָן פאַרן קינד. ער אַליין, איהר מאַן, אַ קלוגער און אַ גוטער מענש, ווען ער איז נאָר ביים קלאָרען זינען, הייסט איהר אויך פונאַנדערגעהן זיך מיט איהם.

פיערטער אויפטריט.

אננאַ דמיט. פירסט אבּרעזקאָוו. עס קומט אריין וויקטאָר (קושט דער מוטער אין האַנד, גריסט זיך מיט אבּרעזקאָוו׳ן).

וויקטאָר. מאַמאַ, איך בּין אריין זאָגען דיר איין זאַך: יעליזאַוועטאַ אַנדרייעוונאַ קומט באַלד צופאָהרען, איך בעט דיר נור איין זאַך, אויב דו ביזט נאָך אַלץ ניט מסכּים אויף דעם...

אננאַ דמיט. (שלאָגט איהם איבּער) פערשטעהט זיך, אַז איך בּין נאָך אַלץ ניט איינשטימיג.

וויקטאָר (רעדט ווייטער אונצופריעדען) ... בעט איך דיר נור איין זאַך, רייד ניט וועגען דעם. בעשטימט ניט דערווייל אויף ניט.

אַ נ נ אַ ד מ י ט. איך קלער, אַז מיר וועלען גאָר ניט ריידען גאָט ווייסט וועגען וואָס. יעדענפאלס וועל איך ניט אָנהויבען ריידען דערפון.

ו ו י ק ט אָ ר. זי געווים ניט. איך וואָלט נור געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך מיט איהר גוט בעקאָנען.

אַ נ נ אַ ד מ י ט. איך פערשטעה נור איין זאך ניט: ווי אַזוי בינדסטו צונויף דיין וואונש צו חתונה האָבען מיט פראָטאַסאָוואַ, וואָס האָט אַ לעבעדיגען מאַן, — מיט דיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, אַז גט איז ניט קריסטליך?

ו ו י ק ט אָ ר. מאַמע, דו ביזט צו־האַרט צו מיר! זענען מיר דען אַלע אַזוי ריין פון עבירות, אַז מיר קענען ניט טון קיין זאַך, וואָס איז געגען אונזערע איבערצייגונגען? דאָס לעבען איז אַזוי טיעף, אַזוי פערפלאָנטערט, מאַמע, פאַרוואָס ביזטו אַזוי האַרט צו מיר?

אַ נ נ אַ ד מ י ט. איך ליעב דיך און ווינש דיר נור גליק.

ו ו י ק ט אָ ר (צו אַבּרעזקאָו'ן): סערגיי דמיטריעוויטש!

פ י ר ס ט אָ ב ר עָ ז. זעלבסטפערשטענדליך, אַז איהר ווינשט איהם נור גליק, נור אונז, מיט אונזערע גרויע האָר, איז שווער צו פערשטעהן די יוגענד. דערהויפט איז עס שווער אַ מוטער, וואָס וויל איהר בעגריף פון גליק אָנבינדען איהר קינד. אַלע פרויען זענען שוין אַזוי.

אַ נ נ אַ ד מ י ט. אָט, אָט דאָס איז עס, אַלע זענען געגען מיר. פערשטעהט זיך, דו קענסט עס טון, Vous êtes majeur (איהר האָט די מערהייט) נור מיך וועסטו אומברענגען.

ו ו י ק ט אָ ר. איך דערקאָן דיך ניט! דאָס איז נאָך ערגער פון אכזריות.

פ י ר ס ט אַ ב ר עָ ז ק אָ ו (● וויקטאָר'ן): הער אויף, וויקטאָר, די מאַמע רעדט אַלע מאָל שלעכטער ווי זי טוט.

אַ נ נ אַ ד מ י ט. איך וועל זאָגען דאָס, וואָס איך קלער און פיהל, איך וועל עס זאָגען אַזוי, אַז עס זאָל זי ניט בעליידיגען.

פ י ר ס ט אָ ב ר עָ ז. גאַנץ זיכער.

פינפטער אויפטריט.

אננאַ דמיט. פירסט אָברעזקאָוו, וויקטאָר און אַ דיענער (קומט אריין).

פירסט אָברעז. אָט קומט זי.

וויקטאָר. איך גײה אַוועק.

דער דיענער. יעליזאַוועטאַ אַנדרײעווגאַ פּראָמאַסאָוואַ.

וויקטאָר. איך גײה. מאַמאַ, איך בעט דיך (גײהט אָב)

פירסט אָברעז. (שטעהט אויף אויף).

אננאַ דמיט. בעט זי אַריין (צו אָברעזקאָוו'ן) ניין, איהר בלייבט.

זעקסטער אויפטריט.

אננאַ דמיט. און פירסט אַברעזקאָוו.

פירסט אַברעז. איך האָב געמיינט, אַז אויג אויף אויג, וועט אייך זיין לייכטער.

אננאַ דמיט. ניין, איך שרעק זיך עפּיס (צוזורדערט) ווען איך וועל וועלען בלייבען מיט איהר אַליין וועל איך אייך אַ וואונק טון. Ça dependare. (עס ווענדט זיך) בלייב איך מיט איהר אַליין וועט עס מיך מאַכען שטייף. איך וועל שוין אייך געבען צו וויסען דורך אַ צייכען.

פירסט אָברעזקאָוו. כ'וועל שוין פערשטעהן. איך בין זיכער, אַז זי וועט אייך געפעלען ווערען. זענט נאָר ניט פאַרטייאיש.

אננאַ דמיט. ווי איהר זענט אַלע געגען מיר!

זיעבעטער אויפטריט.

אננאַ דמיט. פירסט אָברעזקאָוו. ס'קומט אַריין ליזע אין אַ הוט און אַ וויזיט-מאַנטעל.

אננאַ דמיט. (הויבט זיך אויף) עס האָט מיר זעהר לייד געטאָן, וואָס איך האָב אייך ניט געטראָפען, נאָר איהר זענט אַזוי ליעבענסווירדיג, איהר זענט אַליין געקומען.

ליזע. איך האָב עס ניט ערוואַרט, איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר, וואָס איהר האָט מיך געוואָלט זעהען.

אננאַ דמיט. איהר זענט בעקאַנט? (בעווייזט אויף אָברעזקאָוו'ן).

פירסט אָברעזקאָוו. ווי דען? איך האָב געהאַט די עהרע שוין פאָרגעשטעלט צו ווערן. (מען גריסט זיך. מען זעצט זיך). מיין קוזינע נעלי האָט נאָר וואָס גערעדט וועגען אייך.

ליזע. יאָ, מיר זענען געוועזען זעהר בעפריינדעט (קוקט זיך אַרום צומישט אויף אַננאַ דמיט.) און איצט זענען מיר בעפריינדעט. (צו אַננאַ דמיט.) איך האָב ניט ערוואַרט, אַז איהר זאָלט מיך וועלען זעהן.

אננאַ דמיט. איך האָב זעהר גוט געקענט אייער מאַן. ער איז געוועזען בעפריינדעט מיט וויקטאָר'ן און פלעגט אָפט אַריינגעהן צו אונז, איידער ער איז אַריבערגעפאָהרען קיין טאַמ־באָוו. מיר דוכט, אַז דאָרט האָט איהר חתונה געהאַט.

ליזע. יאָ, מיר האָבען דאָרט חתונה געהאַט.

אננאַ דמיט. שפּעטער, אַז ער איז צוריק אַריינגעפאָה־רען קיין מאָסקווע האָט ער אונז אויפגעהערט צו בעזוכען.

ליזע. ער האָט קיינעם קיין בעזוכען ניט געמאַכט.

אננאַ דמיט. און האָט מיך מיט אייך ניט בעקאַנט (אַנ׳אונאַנגענעהם שווייגען).

פירסט אָברעזקאָוו. דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך מיט אייך בעגעגענט ביי דעניסאָוו'ן אויף אַ ספּעקטאַקל. ס'איז געוועזען זעהר היימליך, איהר האָט אויך געשפּיעלט.

ליזע. ניין... יאָ... ווי־זשע דען... כ'געדענק. איך האָב געשפּיעלט. (מען שווייגט ווייטער). אַננאַ דמיטרעוונאַ, האָט קיין פאַראיבעל ניט, אויב עס וועט אייך זיין אונאַנגענעהם דאָס, וואָס איך וועל אייך זאָגען. איך קען ניט, איך קען זיך ניט פערשטעלען. איך בין געקומען, ווייל וויקטאָר מיכאַילאָוויטש האָט געזאָגט... ווייל ער, ד. ה... ווייל ער, ווייל איהר האָט געוואָלט מיך זעהן... נאָר בעסער אַלץ זאָגען... (צע־וויינט זיך)... מיר איז זעהר שווער... און איהר זענט אַזוי ליע־בענסווירדיג.

פירסט אָברעזקאָוו. איך וויל בעסער אַוועקגעהן.

אננאַ דמיט. יאָ, געהט.

פירסט אַבּרעזקאָוו. אויף ווידערזעהן! (געזעגענט זיך מיט אַלעמען און געהט אָב).

אַכטער אויפטריט.

אַננאַ דמיט. און ליזע.

אַננאַ דמיט. הערט מיך אוים, ליזע... איך ווייס ניט און וויל ניט אָנרופען אייך לויט'ן פאָטער-נאָמען.

ליזע. אַנדרייעוונאַ.

אַננאַ דמיט. ס'איז אַלץ איינס, — ליזע. איך האָב מיט אייך מיטלייד, איהר זעגט מיר סימפּאַטיש. נאָר איך ליעב וויקטאָר'ן. איך ליעב איין זאַך אויף דער גאַנצער וועלט. איך קאָן איהם ווי זיך אַליין. ער האָט אַ זעהר שטאָלץ געמיט. ער איז געווען שטאָלץ ווען ער איז געווען נאָך אַ זיבען-יאָהרי-גער יונגעל. ער איז געווען שטאָלץ ניט מיט זיין נאָמען, ניט מיט זיין רייכקייט, נאָר מיט זיין ריינקייט, מיט זיין מאָראַלי-שער הויכקייט. און דאָס איז געבליבען ביי איהם. ער איז ריין ווי אַ קינד.

ליזע. איך ווייס

אַננאַ דמיט. ער האָט קיין פרויען ניט געליעבט. איהר זענט די ערשטע. כ'וועל ניט זאָגען, אַז איך בין ניט אייפערזיכטיג צו אייך. איך בין אייפערזיכטיג. נאָר מיר מוטערם — איהר האָט נאָך אַ קליין קינד, אייך איז נאָך צופריה — מיר מוטערם גרייטען זיך צו דעם. איך האָב זיך צוגעגרייט אָבצוגעבען איהם אַ פרוי און ניט זיין דערביי אייפערזיכטיג. נאָר אָבגעבען איהם האָב איך געוואָלט אַזאַ ריינער פרוי ווי ער אַליין איז.

ליזע. איך... צו-רען...

אַננאַ דמיט. ענטשולדיגט מיר, כ'ווייס, אַז איהר זענט ניט שולדיג, נאָר איהר זענט אומגליקליך. און איך קאָן איהם אויך. איצט איז ער גרייט צו איבערטראָגען אַלץ, ער וועט אויך אַלץ איבערטראָגען און וועט קיין וואָרט זאָגען, נאָר ער וועט ליידען. זיין בעליידיגטער שטאָלץ וועט ליידען און ער וועט ניט זיין גליקליך.

ליזע. איך האָב שוין געקלערט וועגען דעם.

אננאַ דמיט. ליזע, ליבע, איהר זענט אַ גוטע און אַ קלוגע פרוי. אויב איהר ליעבט איהם דאַרף זיין גליק זיין ביי אייך טייערער פון אייער גליק. און אויב עס איז אַזוי וועט איהר ניט וועלען בינדען איהם און ער זאָל דערנאָך געפייניגט ווערען פון חרטה־געפיהל. האָטש ער וועט גאָרניט זאָגען, ער וועט קיינמאָל קיין וואָרט ניט זאָגען.

ליזע. איך וויים, אַז ער וועט שווייגען. איך האָב אויך געקלערט וועגען דעם. איך האָב מיר אויך געשטעלט די פראַגע. איך האָב עס אויך איהם געזאָגט. נאָר וואָס קען איך טון? ער זאָגט, אַז ער וויל ניט לעבען אָהן מיר. איך האָב איהם געזאָגט: לאָמיר בלייבען פריינד, פערפלאָנטערט ניט אייער ריין לעבען מיט מיין אומגליקליך לעבען. אָרדענט זיך איין אייער אייגען לעבען. וויל ער אָבער ניט.

אננאַ דמיט. יאָ, איצט וויל ער ניט.

ליזע. פועל'ט איהר ביי איהם, אַז ער זאָל מיך אוועקלאָזען. איך בין מסכים. איך ליעב איהם פאַר איהם אַליין, אָבער ניט פאַר מיין גליק. העלפט מיר, האָסט מיך ניט. לאָמיר צוזאַמען זוכען זיין גליק.

אננאַ דמיט. יאָ, יאָ, איך האָב אייך ליעב בעקימען. (קושט זי. ליזע וויינט). נאָר פונדעסטוועגען, פונדעסטוועגען איז עס שרעקליך. ווען האָטש פריהער, פריהער איידער איהר האָט חתונה געהאַט... ווען ער וואָלט זיך דעמאָלט פערליבט...

ליזע. ער זאָגט, אַז ער האָט מיך נאָך פריהער געליעבט, נאָר ער האָט ניט געוואָלט שטערען דאָס גליק פון זיין פריינד.

אננאַ דמיט. אַך, ווי שווער עס איז! פונדעסטוועגען לאָמיר ליעבען איינע די צווייטע און גאָט וועט אונז העלפען, מיר וועלען געפינען דאָס, וואָס מיר זוכען.

ניינטער אויפטריט.

אננאַ דמיט. ליזע און וויקטאָר.

וויקטאָר (קומט אַריין). מאַמאַ, טייערע, איך האָב אַלץ געהערט. איך האָב עס ערוואַרט פון דיר. דו האָסט זי ליעב

בעקומען. אלץ וועט שוין גוט זיין.

ליזע. ווי לייד עס טוט מיר, וואס איהר האט גע־הערט אונזער געשפרעך. — איך וואלט ניט גערעדט.

אננא דמיט. די לאגע איז נאך דערווייל ניט קלאר. איך קען נאר איינס זאגען: ווען ניט די אלטע, די אלטע שווע־רע בעדינגונגען וואלט איך געווען זעהר צופרידען... (קושט ליזען).

וויקטאר. איך בעט דיך, מוטער, ענדער זיך נאר ניט.

(פארהאנג).

צווייטעס בילד.

אנ'איינפאכע וואוינונג: א בעט, א שרייב־טיש און א דיוואן.

ערשטער אויפטריט.

פעדיא אליין.

(מען קלאפט אין טיר, עס הערט זיך פון הינטערן־טיר א פרויען־שטימע):

„וואס האסטו דיך פערשפארט, פיאדר וואסילעוויטש, פעדיא, עפען אויף!"

צווייטער אויפטריט.

פעדיא און מאשא.

פעדיא: (שטעהט אויף און עפענט די טיר). א דאנק, וואס דו ביזט געקומען. אך, ווי לאנגווייליג, שרעקליך לאנגווייליג.

מאשא. פארוואס־זשע ביזטו צו אונז נישט געקומען? דו טרינקסט ווידער. עך, דו! דו האסט דאך צוגעזאגט.

פעדיא. דו ווייסט וואס—עס איז קיין געלד ניטא.

מאשא. און צו וואָס האָב איך זיך פֿערליִעבט אין דיר!

פֿעדיאַ. מאַשאַ!

מאַשאַ. וואס מאַשאַ'סט דו, מאַשאַ, מאַשאַ. ווען דו וואָלסט מיך געליִעבט, וואָלסטו זיך שוין לאַנג גע'גט. און דאָרט בעט מען זיך דאָך ביי דיר. און אַליין זאָגסטו, אַז דו ליִעבסט זי ניט און דו האַלסט זיך אָן איהר פאַרטוך. ווילסט מסתמא ניט...

פֿעדיאַ. דו ווייסט דאָך, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט ועלען?

מאַשאַ. כ'איז בבא-מעשיות, ס'איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז דו ביזט אַ פּוסטער מענש.

פֿעדיאַ. וואָס זאָל איך דיר זאָגען? זאָגען דיר, אַז דיינע רייד פֿערשאַפֿען מיר שמערצען, אַז מיר טוט וועה—ווייסט עס אַליין גוט.

מאַשאַ. דיר טוט גאָרניט וועה.

פֿעדיאַ. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס אייִנציגע טרייסט אין מיין לעבען איז דיין ליִעבע.

מאַשאַ. מיין ליִעבע איז שוין דאָ. דיינע איז אָבער ניטאָ.

פֿעדיאַ. איך וועל דיר ניט איינריידען, און צוליִעב וואָס? דו ווייסט אַליין.

מאַשאַ. פֿאַרוואָס פֿייניגסט דו מיך?

פֿעדיאַ. ווער — וועמען?

מאַשאַ. (וויינט) דו ביזט אַ שלעכטער.

פֿעדיאַ (געהט צו, אומאַרעמט זי). מאַשאַ! וואָס וויינסטו. הער אויף, מען דאַרף לעבען און ניט פלאַקסען. דיר געהט עס גאָרניט. דו שענהייט מיינע!

מאַשאַ. ליִעבסט מיך?

פֿעדיאַ. וועמען-זשע זאָל איך ליִעבען?

מאַשאַ. נור מיך אַליין? נו, לייען דורך, וואָס דו האָסט דאָ אָנגעשריבען.

פֿעדיאַ. עס וועט דיך לאַנגווייַלען.

מאַשאַ. וויבאַלד דו האָסט עס געשריבען דאַרף עס זיין גוט.

פֿעדיאַ. נו, הער, (לייענט): „אין שפּעט-הערבסט האָבען

מיר אָבגערעדט זיך טרעפען ביי דעם מוריגין-פלאץ. דער פלאץ איז געווען אַ שטאַרקער פוקין. עס איז געווען אַ ווארימער, אַ ווארימער און שטילער טאָג-נעבעל"...

דריטער אויפטריט.

פעדיאַ און מאַשאַ. אין טהיר בעווייזט זיך אַנ'אַלטער ציגיי-
נער איוואַן מאַקאַראָוויטש און אַנ'אַלטע ציגיינערין נאַ-
סטאַסיא איוואַנאָוונאַ, מאַשאַ'ס עלטערן.

נאַסט. איוואַנ. (צוטרעטענדיג צו איהר טאָכטער) דאָ גאָר! דו ווערימדיגע חיה! כ'גריס דעם האַר. (צו דער טאָכטער) וואָס מאַכסטו פון אונז? האַ?

איוו. מאַק. (צו פעדיאַ'ן) ניט גוט, האַרינקע, דו אומ-ברענגסט אַ מיידעל. אַך, ניט גוט טוסטו, מאוס טוסטו.

נאַסט. איוואַנ. האַפּ אַרויף די טיכעל און מאַרש אַהיים — די מינוט! זעה אַ סחורה — אַנטלאָפען גאָר! וואָס וועל איך דעם כאַר זאָגען? שלעפסט זיך, פּלאָנטערסט זיך מיט אַ קבצן. וואָס וועסטו ביי איהם נעהמען?

מאַשאַ. איך שלעפּ מיך ניט, איך האָב ליעב דעם האַר און ווייטער גאָרניט, דעם כאָר וואַרף איך ניט, איך וועל זינגען און וואָס...

איוו. מאַק. רייד נאָך אַ ביסעל, די צעפּ וועל איך דיר אויסרייסען. ווער האָט זיך אַזוי אויפגעפיהרט? ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע, ניט די מוהמע. מאוס, האַרינקע. מיר האָבען דיך געליעבט, וויפיעל מאָל האָבען מיר דיר אומזיסט געזונגען, מיר האָבען אויף דיר רחמנות געהאַט און דו האָסט אונז שוין אָבגעדאַנקט.

נאַסט. איוואַנ. נעהמט גלאַט אין דער וועלט אַריין און פערדאַרבט אונז דאָס מיידעל, אונזער אייגענע איינ-איינציגע בריליאַנטענע, טייערע, האַרציגע טאָכטער. און מיסט האָסטו זי אַריינגעשלעפּט, אָט וואָס דו האָסט געטאָן. דו האָסט קיין גאָט אין האַרצען ניט.

פעדיאַ. נאַסטאַסיא איוואַנאָוונאַ, אומזיסט קלערסטו וועגען מיר שלעכטס. דיין טאָכטער איז מיר ריכטיג ווי אַ שוועס-

טער. איך היט איהר עהרע. מײן ניט. און איך ליעב זי... וואס קען איך טאן?

איװ. מאק. אט האט איהר זי ניט געליעבט, װען איהר געהאט געלד. דעמאלט האט מען בעדארפט אבשרײבען א צעהן טױ ענדער אויפ׳ן לאר און נעהמען זי שען, פײן. אבער איצט װאס? דאס געלד האט איהר פערשװענדעט און זי האט איהר בגנבה אװעקגעפיהרט. שעמט זיך, האריגקע, שעמט זיך.

מאשא. ער האט מיך ניט אװעקגעפיהרט, איך בין אלײן צו איהם געקומען. אז איהר װעט מיך איצט צונעהמען װעל איך װײטער קומען. איך ליעב איהם און — באסטא, מײן ליעבע איז שטארקער פון אלע אײערע שלעסער... איך װיל ניט! —

נאסט. איװאנ. מאשענקע, טײערע, הארציגע, ברום ניט אזוי. האסטו ניט גוט געטון, נו, מילא, לאמיר געהן.

איװ. מאק. געגוג צו ברײען, מארש! (נעהמט מאשא׳ן פאר׳ן האנד) ענטשולדיגט, האריגקע. (אלע דרײ געהען אב).

פיערטער אויפטריט.

פעדיא. עס קומט ארײן אברעזקאװ.

פירסט אברעז. ענטשולדיגט מיר; איך האב ניט װילענדיג בײגעװאוינט די גאנצע אונאנגענעהמע סצענע.

פעדיא. מיט װעמען האב איך די עהרע?.. (דערקאנט) אך, פירסט סערגײ דמיטריעװיטש! (גריסט זיך).

פירסט אברעז. איך בין ניט װילענדיג געװען א צושויער פון א אונאנגענעהמע סצענע. איך װאלט עס ניט געװאלט הערען. נאר װײבאלד איך האב שוין יא געהערט האלט איך פאר מײן פליכט צו זאגען, אז איך האב געהערט. מיך האט מען געשיקט אהער און בײ דער טיר האב איך געסװזט אבװארטען ביז די געזעלשאפט װעט ארויס. איך האב געקלאפט אין טיר נאר צוליעב זײערע הויכע שטימעס האט איהר דאס קלאפען ניט דערהערט.

פעדיא. ריכטיג, ריכטיג. ביטע. איך דאנק אײך זעהר, װאס איהר האט עס מיר געזאגט. דאס גיט מיר דאס רעכט

צו ערקלערען אײַך די סצענע. דאָס וואָס איהר קענט רענק ן פון מיר איז מיר אַלײן אײנס. מיר ווילט זיך נאָר אײַך זאָגען, אַז די זידלערײַ, וואָס איהר האָט געהערט אויפ'ן חשבון פון דאָס מײדעל, דער ציגײַנערין — האָט זי ניט פערדיענט. דאָס מײדעל איז ערליך און רײן ווי אַ טויב. מײַנע בעציהונגען צו איהר זענען נאָר פרײַנדשאַפטליכע. אויב אויף זיי פאַלט יאָ אַ אַ שאָטען פון פּאָעזיע, דאָס ריהרט אָבער ניט אָן איהר רײנקײַט און איהר ערע. אָט דאָס האָט זיך מיר געוואָלט אײַך זאָגען. איצט וואָס ווילט איהר פון מיר? מיט וואָס קען איך אײַך דיענען?

פּ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. איך, ערשטענס...

פּ ע ד י אַ. ענטשולדיגט, פירסט, מײַן שטעלונג אין דער געזעלשאַפט איז געוואָרען אַזאַ, אַז מײַנע אַמאָליגע בעקאַנטשאַפט גיט מיר ניט דאָס רעכט אויף אײַערן אַ פרײַנדליכען בעזוך. אויב איהר האָט מיט מיר ניט קײן בעציהונגען — איז מיט וואָס ערקלערט זיך אײַער בעזוך?

פּ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. איך וועל ניט לײקענען, איהר האָט געטראָפען. איך האָט צו אײַך אַנ'עקסטראַ געשעפט. נאָר פונדעסטוועגען בעט איך אײַך, אַז איהר זאָלט מיר גלויבען, אַז די ענדערונג פון אײַער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט האָט בשום אופן ניט געווירקט אויף מײַנע בעציהונגען צו אײַך.

פּ ע ד י אַ. איך בין גאַנץ זיכער אין דעם.

פּ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. די זאַך איז אַזוי: דער זוהן פון מײַן אַלטער פרײַנדין, אַננאַ דמיטריעוונאַ קאַרענין, און זי אַלײן האָבען מיר געבעטען צו ערקונדיגען זיך אונמיטעלבאַר וועגען אײַערע בעציהונגען... איהר וועט דאָך מיר ערלויבען צו רײדען אָפען?... וועגען אײַערע בעציהונגען צו אײַער פרוי, יעליזאַוועטאַ אַנדרײעוונאַ פּראָטאַסאָוואַ.

פּ ע ד י אַ. מײַנע בעציהונגען צו מײַן פרוי אָדער ריכטיגער — צו מײַן געוועזענער פרוי, זענען אינגאַנצען איבערגעריסען געוואָרען.

פּ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. איך האָב עס פערשטאַנען און דעריבער טאַקע האָב איך גענומען אויף מיר די שווערע מיסיע.

פּ ע ד י אַ. זיי זענען איבערגעריסען געוואָרען, מוז איך

ערקלערען, ניט צוליעב איהר שולד, נאָר צוליעב מיינע אונגעהויערע שולדען. זי איז, ווי געוועזען, די סאמע אונבעפלעקטע פרוי.

פירסט אָברעז. אויב אַזוי, האָט מיך וויקטאָר קאַרענין, און בעזונדערס זיין מוטער, געבעטען דערוויסען זיך, וואָס קלערט איהר צו טאָן?

פעדיאַ (אויפגעברויזט). וואָס קלער איך טאָן? — גאָרניט. איך גיב איהר פאָלשטענדיגע פרייהייט, נאָכמעהר, איך וועל קיינמאָל זי ניט בעאונרוהיגען. איך ווייס, אַז זי ליעבט וויקטאָר קאַרענינען — זאָל זי. איך האַלט איהם פאַר אַ לאַנגוויליגען, נאָר פאַר אַ זעהר גוטען און עהרליכען מענשען, און איך קלער, אַז זי וועט זיין מיט איהם (ווי מען זאָגט געוועהנליך) גליקליך. זאָל זיי גאָט בענשען. אָט דאָס איז אַלץ...

פירסט אָברעז. יאָ, נאָר מיר וואָלטען...

פעדיאַ (שלאָגט איהם איבער). מיינט אָבער ניט, אַז אין מיר איז דאָ דאָס קלענסטע אייפערזוכט-געפיהל. איך האָב געזאָגט וועגען וויקטאָר'ן, אַז ער איז אַ לאַנגוויליגער מענש — איך נעהם די ווערטער צוריק. ער איז אַנ'עהרליכער, אַ ריינער, אַ מאָראַלישער מענש, כמעט דער היפך פון מיר. ער האָט זי געליעבט פון קינדהייט אָן. מעגליך, אַז זי האָט איהם געליעבט, ווען זי האָט פאַר מיר חתונה געהאַט. די בעסטע ליעבע איז די, פון וועלכער דו ווייסט ניט. איך מיין, אַז זי האָט איהם כסדר געליעבט, נאָר ווי אַנ'עהרליכע פרוי האָט זי עס פאַר זיך אַליין ניט געוואָלט מודה זיין. נאָר דאָס.. עפּיס אַ שאָטען איז כסדר געלעגען אויף אונזער פאַמיליען-לעבען. אָבער, וואָס טו איך, איך בין זיך מתודה פאַר אייך?

פירסט אָברעז. כ'בעט אייך, טוט עס. גלויבט מיר, אַז פאַר מיר איז וויכטיגער פון אַלץ, אַז פון מיין בעזוך זאָל מיר קלאָר ווערען אינגאַנצען אייערע בעציהונגען. איך פערשטעה אייך. דער שאָטען, ווי איהר האָט זיך זעהר גוט אויסגעדריקט, האָט געדאַרפט זיין...

פעדיאַ. און ער איז געוועזען. און אפשר צוליעב דעם האָט מיר ניט בעפרידיגט דאָס פאַמיליען-לעבען, וואָס זי האָט מיר געגעבען און איך האָב כסדר עפּיס געזוכט, כסדר צוגע-

כאַלען צו עטוואָס נייעס. איבעריגענס, עס געהט אַרויס ווי איך וויל זיך פערענטפערן. איך בין געוועזן, איך זאָג עס אָפען, איך בין געוועזן אַ שלעכטער מאַן און דעריבער בין איך אין מיין בעוואוסטזיין שוין לאַנג ניט איהר מאַן. איך האַלט זי שוין לאַנג פאַר אַ בעפרייטע. אַט האָט איהר ממילא אַנ׳ענטפער אויף אייער מיסיע.

פ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. יאָ, נאָר איהר קאָנט דאָך וויקטאָר׳ס פאַמיליע און איהם אַליין אויך. זיינע בעציהונגען צו יעליזאַוועטאַ אַנדרייעוונאַ זענען גאָר ניט קיין נאָהנטע. ער האָט איהר געהאָלפען, ווען איהר איז געוועזן שווער.

פ ע ד י אַ. איך האָב מיט מיין שלעכטער אויפפיהרונג זיי געהאָלפען צו ווערען נאָהנט. וואָס קען מען מאַכען. אַזוי האָט בעדאַרפט זיין.

פ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. איהר קאָנט דאָך זיינע און זיין פאַמיליעס שטרענגע קריסטליכע איבערצייגונגען. איך האַלט ניט פון זיי, איך האָב אַ ווייטערען בליק, נאָר איך פערשטעה זיי און אַכט זיי. איך פערע... ה, אַז פאַר איהם און בעזונדערס פאַר זיין מוטער איז אונמעגליך יעדע נאָהענטקייט מיט איהר אָהן אַ קירכליכער טרויאונג.

פ ע ד י אַ. איך ווייס זיין טעמפּ... זיין גראַדליניגקייט, זיין קאָנסערוואַטיזם אין דער הינזיכט. נאָר וואָס ווילען זיי? אַ גט? איך האָב דאָך זיי שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך בין גרייט, נאָר די אַלע צערעמאָניעס, דאָס נעהמען די שולד אויף זיך, די ליגענס, וואָס דאַרפען דערביי געזאָגט ווערען, זענען פאַר מיר זעהר שווער.

פ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. איך פערשטעה אייך און בין מיט אייך איינשטימיג. נאָר ווי-זשע זאָל זיין? איך קלער, אַז מען קען עס אַזוי מאַכען... איבעריגענס, איהר זענט גערעכט. דאָס איז שרעקליך, איך פערשטעה אייך.

פ ע ד י אַ (דריקט איהם די האַנד). כ׳דאַנק אייך, ליעבער פירסט. איך האָב אייך פון שטענדיג אָן געקענט פאַר אַנ׳ערהליכען און גוטען מענשען. נו זאָגט-זשע איהר, ווי זאָל זיין? וואָס זאָל איך טאָן? געהט אַריין אין מיין לאַגע. איך גיב מיר ניט די מיה צו ווערען בעסער, נאָר עס זענען דאָ אַזעלכע

זאַכען, וואָס איך קען ניט טאָן רוהיג. איך קען ניט רוהיג זאָגען אַ ליגען.

פירסט אברעז. איך פערשטעה אייך אויך ניט. איהר זענט אַ פעהיגער, אַ גוטער מענש מיט אַזאַ עמפפינדליך הארץ צו גוטעס — ווי קענט איהר זיך אַזוי פערטומלען, און פערגעסען דאָס, וואָס איהר פאָדערט פון זיך אַליין? ווי אַזוי זענט איהר דערגאַנגען צו אַזאַ נידעריגער שטופע? ווי אַזוי האָט איהר פערדאָרבען אייער אייגען לעבען?

פעדיאַ (האַלט איין אויפרעגונגס-טרערען). אָט שוין צעהן יאָהר, אַז איך פיהר אַזאַ ווילדע לעבען. און דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ מענש ווי איהר זאָל האָבען מיט מיר מיטלייד. מיט מיר האָבען געהאַט מיטלייד קאַמעראַדען, זויפער, פרויען, נור ניט אַזאַ קלוגער, גוטער מענש, ווי איהר. כ'דאַנק אייך. ווי אַזוי בין איך דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה? ערשטענס וויין. און ניט ווייל עס איז געשמאַק, נור וואָס איך זאָל ניט טון פיהל איך, אַז עס ניט דאָס, וואָס מען בעדאַרף צו טון און איך שעם מיך, אָט רייד איך מיט אייך און שעם מיך. און זיין אַ מאַרשאַלאָק, זיצען אין ז׳באַנק איז אַזוי מאוס, אַזוי מאוס, — נור ווי דו טרינקסט אויס, הערסטו זיך אויף צו שעמען, און מוזיק — ניט קיין בעטהאָווען און ניט קיין אָפּערעס, נור ציגיינער... עס איז אַזאַ לעבען, עס פליסט אין דיר אַריין אַ שטראָם פון ענערגיע! און דאָ קומען נאָך אָט די ליבע שוואַרצע אויגען און אַ שמייכעל. און וואָס עס איז אַלץ רייצענדער, אַלץ מעהר שעמסטו דיך דערנאָך, שפּעטער.

פירסט אברעז. נו, און אַרבייט?

פעדיאַ. געפּרובירט. אַלץ ניט גוט. כ'בין מיט אַלץ ניט צופרידען. נור גענוג וועגען זיך צוריידען! כ'דאַנק אייך.

פירסט אברעז. וואָס-זשע זאָל איך זיי זאָגען?

פעדיאַ. זאָגט זיי, אַז איך וועל טון אַלץ, וואָס זיי ווילען — זיי ווילען דאָך חתונה האָבען — קיין זאַך זאָל זיי ניט שטערען חתונה האָבען?

פירסט אברעז. פערשטעהט זיך.

פעדיאַ. איך וועל עס טון, זאָגט זיי, איך וועל עס טון.

פירסט אברעז. ווען-זשע!

פעדיא. ווארט, לאמיר זאגען, צווייַ וואכען, גענוג?
פירסט אברעז. (אויפשטעהענדיג). אזוי קען איך זיי זאגען?
פעדיא. איהר קענט עס, פירסט, איך דאנק אייך נאך אמאל. (אברעזקאוו געהט אב).

פינפטער אויפטריט.

פעדיא אליין.

פעדיא. (זיצט לאנג, שמייכעלט שוייַגענד). גוט, זעהר גוט, אזוי בעדארף צו זיין, אזוי בעדארף צו זיין, פרעכטיג...

(פאָרהאנג.)

פיערטער אקט.

ערשטעס בילד.

אין שיינק. א בעזונדער קאבינעט. א קעלנער פיהרט אריין פעדיא'ן און איוואן אלעקסאנדרוויטש'ן

ערשטער אויפטריט.

פעדיא, איוואן פעטראוויטש און דער קעלנער.

דער קעלנער. ביטע אהער, דא וועט אייך קיינער ניט שטערען; און פאפיר גיב איך אייך באלד.

איוו. פעט. פראטאסאוו! איך וויל אויך אריין.

פעדיא (אנ'ערנסטער). געה אריין, נור איך האב עפּיס צו טון און... ווילסט—קום אריין.

איוו. פעט. דו קלויבסט דיך ענטפערן אויף זײַערע פארערונגען? איך וואלט דיר געזאגט. איך וואלט ניט געוועזן ווי דו. איך רייד אלע מאל אפען און טו אלץ פעסט, זיכער!

פעדיא (דעם קעלנער). א פלאש שאמפאניער. (דער קעלנער געהט אב).

צווייטער אויפטריט.

פעדיאַ און איוואַן פעטראָוויטש (פעדיאַ נעהמט אַרויס אַ רעוואָלווער און לייגט איהם אַוועק).

איוו. פעט. וואָס־דען? ווילסט זיך שיסען? מ'קען, מ'קען — איך פערשטעה דיך. זיי ווילען דיך ערנידעריגען און דו ווערסט דערוויזען, ווער דו ביזט. זיך וועסטו טויטען מיט אַ רעוואָלווער און זיי מיט דיין גרויס־מוטיגקייט. איך פערשטעה דיר. איך פערשטעה אַלץ, ווייל איך בין אַ זשעני.

פעדיאַ. יאָ, נו יאָ. נור... (עס קומט אַר דער קעלנער מיט פאַפיער און טינט).

דריטער אויפטריט.

פעדיאַ, איוואַן פעטראָוויטש און דער קעלנער.

פעדיאַ (דעקט צו דעם רעוואָלווער). עפען דאָס פלאַש לאָמיר אויסטרינקען. (מ'טרינקט, פעדיאַ שרייבט) וואַרט אַ ווייַלע.

איוו. פעט. פאַר דיין... לאַנגע רייזע. איך שטעה דאָך העכער פון די אַלע זאַכען. איך וועל זיך ניט בעמיהען צו אָבהאַלטען דיך. פאַר'ן זשעני איז אי דאָס לעבען אי דער טויט גלייכגילטיג. איך שטאַרב אינ'ם לעבען און לעב אינ'ם טויט. דו געהסט זיך ערמאָרדען כדי צוויי מענשען זאָלען מיט דיר האָבען מיטלייד און איך — איך וועל זיך ערמאָרדען כדי די גאַנצע וועלט זאָל פערשטעהן, וואָס זי האָט פערלאָרען. איך וועל זיך ניט וואַקלען און קלערען. גענומען (חאַפּט דעם רעוואָלווער) איינם — און פערטיג. נור עס איז נאָך פריה (לעגט אַוועק דעם רעוואָלווער). און איך וועל ניט האָבען נויטיג צו שרייבען. זיי וועלען אַליין מוזען פערשטעהן... עך, איהר...

פעדיאַ (שרייבט). וואַרט אַ ביסעל.

איוו. פעט. עלענדע מענשעלעך! קריכען, שמייען. און זיי פערשטעהען גאָרניט — זיי פערשטעהען גאָרניט. איך זאָג עס ניט דיר. איך זאָג גלאַט, אין דער וועלט אַריין, אַרויס מיינע געדאַנקען. און וואָס האָט די מענשהייט נויטיג? זעהר וועניג: שעצען איהרע גאונים. און זי האָט זיי כסדר געפייניגט,

געיאָנט, געמאַטערט... ניין! — איך וועל ניט זיין, אייער שפּיעל־צייג! איך וועל אַראָפּרייסען פון אייך די מאַסקע! ניין! חונפים!

פ ע ד י אַ (האָט געענדיגט שרייבען, טרינקט און לייענט). זעה איך בעט דיר.

א י ו ו. פ ע ט. אַוועקגעהן? נו, זיי געזונד, איך וועל דיך ניט אָבהאַלטען, איך וועל אויך טון דאָסזעלבע, נור עס איז נאָך פריה. איך וויל דיר נור זאָגען...

פ ע ד י אַ. גוט, דו וועסט מיר זאָגען שפּעטער. איצט, גוטער ברודער, זיי אַזוי גוט און גיב דאָס איבער דעם ווירט. (גיט איהם געלד). און פרעג צי עס פערהאַן פאַר מיר אַ בריעף און אַ פּאַקעט. כ'בעט דיר.

א י ו ו. פ ע ט. גוט. און דו וועסט וואַרטען אויף מיר? איך וועל דיר נאָך עפּיס וויכטיגעס זאָגען, אַזאַ זאַך, וואָס דו וועסט עס ניט הערען ניט נור אויף דער וועלט נור אפילו ניט אויף יענער וועלט, יעדענפאַלס ביז איך וועל ניט קומען צוריק אַהער. אָבגעבען איננאַנצען?

פ ע ד י אַ. וויפיעל עס קומט. (איוו. פעט. געהט אָב).

פיערטער אויפטריט.

פעדיאַ אליין.

פ ע ד י אַ. (אָטעמט אָב, פערשפאַרט די טיר נאָך איוואַן פּעטראָוויטש'ן בעהמט דעם רעוואָלווער, שטעלט איהם אָן, לעגט צו צום שלייף, ציטערט און לאָזט איהם אַראָב פאָרזיכטיג. ברומט). ניין, כ'קען ניט, כ'קען ניט! (מען קלאַפּט אין טיר) ווער איז דאָרט? (פון הינטערן טיר מאַשאַ'ס שטים: איך).

פ ע ד י אַ. ווער: איך? אַך, מאַשאַ... (ער עפענט די טיר).

פינפטער אויפטריט.

פעדיאַ און מאַשאַ.

מ אַ ש אַ. איך בין געוועז ביי דיר, ביי פּאָפּאָוו'ן, ביי אַפּ־רעמאָוו'ן און האָב זיך ענדליך אָנגעטויסען, אַז דו ביזט דאָ.

(דערזעהט דעם רעוואָלווער) אָט אַנ'אײַנפאַל, ביסטו אַ ביסעל אַ נאַר! אויף מײַן וואָרט אַ נאַר! דו מײנסט עס טאַקע מיט אַנ'אמת?

פעדיאַ. נײן, כ'האָב ניט געקענט.

מאַשאַ. און איך בין גאָר ניטאָ אויף דער וועלט? ווי שלעכטער דו! אויף מיר האָסטו גאָר קײן רחמנות ניט געהאַט. אַך, פיאָדר, ס'איז אַ זינד, ס'איז אַ זינד! פאַר מײַן ליעבע...

פעדיאַ. איך האָב זײ געוואָלט בעפרײַען, כ'האָב זײ פערשפראָכען, און זאָגען אַ ליגען קען איך ניט.

מאַשאַ. און איך, וואו בין איך?

פעדיאַ. וואָס דו? דו וואָלסט זיך אויך אויסגעפלאָי־טערט. עס איז דיר דען בעסער זיך צו פײַניגען מיט מיר צוזאַמען?

מאַשאַ. מסתמא בעסער, כ'קען אָהן דיר ניט לעבען.

פעדיאַ. וואָס איז עס פאַר'א לעבען מיט מיר? דו וואָלסט געוויינט אַ ביסעל און ווײַטער געלעבט.

מאַשאַ. און איך וואָלט גאָרניט געוויינט. געה צום טײַוועל, ווען דו האָסט אויף מיר קײן רחמנות ניט. (וויינט).

פעדיאַ. מאַשאַ, מײַן פרײַנד, איך האָב דאָך געמײנט צום בעסטען.

מאַשאַ. דיר וואָלט געווען בעסער.

פעדיאַ (שמייכלענדיג). ווי אַזוי וואָלט מיר געווען בעסער, ווען איך וואָלט זיך דאָס לעבען גענומען?

מאַשאַ. פערשטעהט זיך בעסער. וואָס דאַרפסטו האָ־בען? דו זאָג נאָר.

פעדיאַ. וואָס דאַרף איך? זעהר פיעל.

מאַשאַ. נו וואָס? וואָס?

פעדיאַ. כ'דאַרף ערשטענס האַלטען מײַן וואָרט. דאָס איז ערשטענס, און דאָס אַלײן איז שוין גענוג. זאָגען ליגען, טאָן די אַלע געמײנע זאַכען, וואָס זענען פערבונדען מיט'ן גט, בין איך ניט אימשטאַנד.

מאַשאַ. לאָמיר זאָגען, אַז עס איז טאַקע געמײן. איך טלײן...

פעדיאַ. און ווײַטער — מען מוז זײ בעפרײַען, אי די פרוי מײַנע, אי איהם. זײ זענען בײדע גוטע מענשען. פאַרוואָס זאָל איך זײ פײַניגען? אָט האָסטו צוויי.

מאַשאַ. גוטעס האָט זי שוין אין זיך װעניג, װיבאַלד זי האָט דיך אַװעקגעװאָרפֿען.

פֿעדיאַ. ניט זי האָט מיך אַװעקגעװאָרפֿען נאָר איך — זי.

מאַשאַ. נו, גוט, גוט, אַלץ דו. זי איז אַ מלאך. װאָס נאָך?

פֿעדיאַ. און װאָס װײַטער? אָט דאָס, װאָס דו ביסט אַ גוט און אַ ליבע מײדעל — איך ליעב דיך און אויב איך װעל בלײַבען לעבען, װעל איך דיך אומבריינגען.

מאַשאַ. דאָס איז שוין ניט דײַן זאַך. איך װײס שוין אַליין, װאו איך װעל אומגעבראַכט װערען.

פֿעדיאַ (זיפֿצט). און די הויפּט־זאַך, די הויפּט־זאַך... װאָס איז מײַן לעבען? לעב איך דען ניט װי אַ פֿערפֿאַלענער מענש? איך טויג צו קיין זאַך ניט. איך פֿאַל אַלעמען צו לאַסט, אַזוי האָט דײַן פֿאָטער געזאָגט. אַ טויגעניכטס בין איך...

מאַשאַ. נאַרישקייטען, פּלאַפּלערייַ. איך װעל זיך פֿון דיר ניט אָבטשעפּען. כ'האָב זיך צוגעקלעפּט און װײַטער גאָרניט. און דאָס װאָס דו לעבסט שלעכט, טרינקסט און זױפֿסט... דו ביסט אַ לעבעדיגער מענש. װאַרף עס אַװעק! און אַ סוף!

פֿעדיאַ. ס'איז לײַכט צו זאָגען.

מאַשאַ. און טו אַזוי.

פֿעדיאַ. אַז איך קיק אויף דיר אָט אַזוי, װײַזט זיך מיר אויס, אַז איך װעל עס טאָן.

מאַשאַ. דו װעסט עס טאָן, אַלץ װעסטו טאָן. (דערזעהט דעם בריעף) װאָס איז דאָס? דאָס האָסטו זײַ געשריבען? װאָס האָסטו געשריבען?

פֿעדיאַ. װאָס איך האָב געשריבען? (נעהמט דעם בריעף און װיל צורײַסען) איצט איז עס שוין ניט נויטיג.

מאַשאַ (רײַסט אַרױס דעם בריעף). האָסט געשריבען, אַז דו האָסט זיך דאָס לעבען גענומען? יאָ? האָסט ניט געשריבען װעגען פּיסטאָלעט? האָסט געשריבען סתם, אַז דו האָסט זיך דאָס לעבען גענומען?

פֿעדיאַ. יאָ, אַז איך װעל שוין ניט זײַן אויף דער װעלט.

מאַשאַ. לאָז, לאָז, װאַרט נאָר. דו האָסט געלײענט „װאָס טאָן"?

פעדיא. דולט זיך — געלייענט.

מאשא. א לאנגווייליגער ראמאן, נאר איין זאך איז דארט גוט. ער, ווי הייסט ער דארט?.. ראלבאנאוו... ער האט געגובען און האט זיך געמאלט, אז ער האט זיך דער־טרונקען... און דו אויך... קענסט ניט שווימען?

פעדיא. ניין.

מאשא. גיב אהער דיינע בלבושים, אלץ, דעם פארט־מאנע אפילו.

פעדיא. ווי אזוי?

מאשא.ווארט, ווארט, ווארט! לאמיר פאהרען אהיים, דארט ועסטו זיך איבערקליידען.

פעדיא. דאס הייסט דאך — אבנארען.

מאשא. זעהר שען. געגאנגען באדען זיך, די זאכען זענען געבליבען אויפ'ן ברעג. אין א קעשענע ליגט אט דער פארטמאנע און א בריעף.

פעדיא. נו, און דערנאך?

מאשא. דערנאך? דערנאך וועלען מיר אוועקפאהרען און מיר וועלען לעבען א טאג.

זעקסטער אויפטריט.

פעדיא, מאשא, ס'קומט אריין איוואן פעטראוויטש.

איוו. פעט. נא דיר גאר! און דעם רעוואלווער? איך וועל איהם צונעהמען.

מאשא. נעהם, נעהם, מיר פאהרען.

(פאר האנג).

צווייטעס בילד

(אַ גאַסט-צימער בײַ פּראָטאַסאָוו'ן.

ערשטער אויפטריט.

קאַרענין און ליזאַ.

קאַרענין. ער האָט אַזוי פעסט צוגעזאָגט, אַז איך בין זיכער, אַז ער וועט האַלטען זיין וואָרט.

ליזע. מיר איז עס אונאַנגענעהם, נור איך מוז זאָגען אַז דאָס, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט פון יענער ציגײַנערין האָט מיך איינגאַנצען בעפרײַט פון איהם. מײַן ניט, אַז עס איז אײַפערזוכט, עס איז ניט קיין אײַפערזוכט נור בעפרײַאונג... נו, ווי זאָל איך אײַך עס זאָגען?

קאַרענין. ווײַטער אײַך?

ליזע (שמײַכלענדיג). דיר. נור שטערט, שטער מיר ניט זאָגען דאָס, וואָס איך פיהל. מיך האָט הויפּטזעכליך געפּײַניגט דאָס, וואָס איך האָב געפיהלט, אַז איך ליעב צווייען. דאָס הייסט דאָך, אַז איך בין ניט קיין מאָראַלישע פרוי...

קאַרענין. דו נישט קיין מאָראַלישע פרוי?!

ליזע. נור זינט איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער פיהרט זיך אַרום מיט אַנ'אַנדער פרוי, הייסט עס ער דאַרף מיך שוין מעהר ניט האָבען, האָב איך זיך בעפרײַט. איך האָב דערפיהלט, אַז איך קען זאָגען אויפריכטיג, אַז איך ליב אײַך—דיך. איצט איז בײַ מיר אין האַרצען אַזוי קלאָר, אַזוי העל. מיר טוט נור לייד זײַן לאַגע. דער גט. און דאָס אַלץ איז אַזוי פײַנליך. אָט דאָס וואַרטעניש...

קאַרענין. באַלד, באַלד וועט עס זיך ענדיגען, אויסער דעם, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, האָב איך נאָך געבעטען מײַן סעקרעטאַר, אַז ער זאָל צו איהם געהן מיט דער „פּראָשעניע" און זאָל ניט אַוועקגעהן ביז ער וועט זי ניט אונטערשרײַבען. ווען איך וואָלט איהם ניט געקאָנט אַזוי גוט וואָלט איך געמיינט, אַז ער טוט מיט אַ מיין

ליזע. ער? ניין, דאָס איז אַלץ זיין שוואַכקייט און ערהרליכקייט. ער וויל ניט זאָגען אַ ליגען, דו האָסט איהם ניט בעדאַרפט שיקען קיין געלד.

קאַרעניַן. כ'האָב אַנדערש ניט געקענט טון, אַזוי וואָלט עס זיך ווייטער פערשלעפּט.

ליזע. געלד, ס'איז עפּיס ניט גוט.

קאַרעניַן. ער האָט אפילו בעדאַרפט זיין אַ ביסעל וועניגער עמפּפינדליך.

ליזע. וואָס פאַר'אַ עגאָאיסטען מיר ווערען!

קאַרעניַן. איך האָב טאַקע חרטה. נור דו ביזט אין דעם שולדיג. נאָך דאָס לאַנגע וואַרטען, נאָכ'ן לאַנגען יאוש בין איך איצט אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך. און דאָס גליק מאַכט פאַר אַ עגאָאיסט. דו ביזט שולדיג!

ליזע. דו מיינסט, אַז דו אַליין ביזט אַ עגאָאיסט—איך אויך. איך פיהל, אַז איך בין פול, איך באָד זיך אין מיין גרויסען גליק. אַלץ: מיקאַ איז געזונד, דיין מוטער האָט מיך ליעב בעקומען און די הויפּט=זאַך—איך, איך ליעב...

וויקטאָר. יאָ? אָהן חרטה? אויף אייביג?

ליזע. פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אין מיר אַלץ געענדערט.

וויקטאָר. און עס קען ניט ווערען אוים?

ליזע. קיינמאָל ניט. איך ווינש מיר נאָר איינס: ביי דיר זאָל עס זיין אַזוי פעסט און זיכער ריכטיג ווי ביי מיר.

צווייטער אויפטריט.

קאַרעניַן, ליזע, אַנ'אַם מיט'ן קינד. (ס'געהט אַרום די אַם מיט'ן קינד. דאָס קינד לויפט צו דער מוטער. זי נעהמט איהם אויף די קניע).

קאַרעניַן. וואָס פאַר אַנ'אומגליקליכע מענשען מיר זענען.

ליזע. וואָס הייסט? (קושט דאָס קינד).

קאַרעניַן. דו האָסט חתונה געהאַט און קומענדיג צוריק פון אויסלאַנד האָב איך זיך עס דערוואוסט. איך האָב דערפיהלט, אַז איך האָב דיך פערלוירען. איך בין געווען אומגליק-

ליך. אין אויפ'ן זיעבּעטען הימעל בּין איך געוועזען, ווען איך האָבּ געזעהען, אַז דו האָסט מיך אינגאַנצען ניט פערגעסען. דאָס איז געוועזען גענוג פאַר מיר. שפּעטער, ווען צווישען אונז האָבּען זיך איינגעשטעלט פריינדליכע בּעציהונגען און איך האָבּ דערפיהלט אַ וואַרימקייט אין דיין בּעציהונג צו מיר און אַז אין אונזער פריינדשאַפט איז דאָ אַ פונק פון עטוואָס אַזוינס, וואָס איז פיעל מעהר פון געוועהנליכע פריינדשאַפט, בּין איך כמעט אינגאַנצען געוועזען גליקליך. מיך האָט נאָר געפּייניגט דאָס, וואָס איך בּין ניט עהרליך צו פעדיאַ'ן. איבּריגענס, איך האָבּ פון קיין אַנדער בּעציהונג צו דיר, אויסער אַ ריינער פריינדשאַפט צו דער פרוי פון מיין פריינד, קיינמאָל ניט געהאַט. און אגב האָבּ איך דיך געקאָנט און עס האָט מיך ניט געפּייניגט, איך בּין געוועזען צופרידען. שפּעטער ווען פעדיאַ האָט דיר פערשאַפט שמערצען, האָבּ איך דערפיהלט, אַז איך בּין דיין שטיצע און אַז דו שרעקסט זיך פאַר מיר... בּין איך געוועזען נאָך מעהר גליקליך. אין מיר האָט אויפגעבּליצט עפּיס אַ אונבּעשטימטע האָפנונג. נאָך שפּעטער... ווען פעדיאַ איז גאָר געוואָרען אונערטרעגליך, ווען דו האָסט בּעשטימט פונאַנדערגעהן זיך מיט איהם און איך האָבּ דיר צום ערשטען מאָל אַלץ געזאָגט, האָסטו געענטפערט — ניין. מיט טרערען האָסטו עס געזאָגט און אַנטלאָפען, דאַן בּין איך געוועזען איבּער־גליקליך. ווען איינער פרעגט מיך דאַן: וואָס פערלאַנגסטו נאָך, וואָלט איך גאַנץ פעסט געענטפערט — גאָרניט. דערנאָך האָט זיך בּעוויזען די מעגליכקייט צו פעראיינינגען מיין לעבּען מיט דיינעם, די מאַמאַ האָט דיך ליעבּ בּעקומען, די מעגליכקייט האָט זיך אָנגעהויבּען צו פערווירקליכען; דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו ליעבּסט מיך, מיך אַליין, דוכט זיך — וואָס קען איך נאָך פערלאַנגען? נאָר, ניין, איצט, גראַד איצט פּייניגט מיך די פערגאַנגענהייט, ס'וואָלט זיך געוואָלט, אַז די פערגאַנגענהייט זאָל ניט זיין, ס'זאָל ניט זיין קיין זאַך, וואָס דערמאָהנט אונז אָן איהם.

ליזע (מיט פערדרוס) וויקטאָר!

וויקטאָר. ענטשולדיג מיר, ליזע. איך רייד עס נאָר, ווייל איך וויל ניט, אַז דער מינדעסטער געדאַנק מיינער זאָל

זײַן בעהאַלטען פון דיר. כ'האָב עס געזאָגט מיט אַ מײַן, ז'יך האָב געוואָלט דיר בעווײַזען, ווי שלעכט איך בין און אַז איך ווייס, אַז ווײַטער קען מען ניט געהן, אַז איך מוז קעמפּפען מיט זיך און בעקעמפּפען מיך. און איך האָב מיך אַליין בעקעמפּפט. איך ליעב איהם.

ליזע. אַזוי דאַרף זײַן. איך האָב געטון אַלץ. ניט איך, נור אין מײַן האַרץ איז געשעהען דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט; אין מײַן האַרצען איז איצט גאָר ניטאָ אויסער דיר.

קאַרענין. גאָרניט?

ליזע. גאָרניט אויסער דיר. איך וואָלט עס ניט געזאָגט...

דריטער אויפטריט.

קאַרענין, ליזע, דאָס קינד און אַ דינער.

דער דינער. העדר וואָזנעסענסקי.

קאַרענין. דאָס איז ער, מיט אַנ'ענטפער פון פעדיאַ'ן.

ליזע (צו קאַרענינען). רופט איהם אַרײַן אַהער.

קאַרענין (שטעהט אויף, געהט צו דער טיר). אָט איז דער ענטפער.

ליזע (גיט אָב דאָס קינד דער אַם. די אַם געהט אָב): וועט זיך עס אַמאָל ענדיגען, וויקטאָר? (קושט איהם).

פיערטער אויפטריט.

קאַרענין, ליזע, וואָזנעסענסקי, (קומט אַרײַן).

קאַרענין. נו?

וואָזנ. ניטאָ איהם.

קאַרענין. ווער ניטאָ? און די „פּראָשעניע“ איז אונטערגעשריבען?

וואָזנ. די „פּראָשעניע“ איז ניט אונטערגעשריבען. נור אַ בריעף איז פערהאַן פאַר אײַך און יעליזאַוועטאַ אַנדרייעוונאַ. (גיט איהם דעם בריעף), איך בין געוועזען בײַ איהם אין דער-היים. זאָגט מען מיר, אַז ער איז אין רעסטאָראַן. געה איך אַהין. זאָגט מיר פיאָדר וואַסיליעוויטש, איך זאָל קומען אין אַ שעה

אַרום נאָך צװעלפֿטן, איך בין געקומען אין אַ שעה אַרום אין אַכט...

קאַרעניִן. װעט עס װײַטער פֿאַרשלעפּט װערן? װײַ-טער אַן'אויסרײַד! נײן, דאָס איז אײַנפֿאַך ניט גוט פֿון איהם, װי נידעריג ער איז געפֿאַלען!

ליזע. לײען דאָך דורך!

קאַרעניִן (עפֿנט דעם בריעף).

װאָזנ. איך בין שױן אײַך מעהר ניט נױטיג?

קאַרעניִן. יאָ, נײן, אַדיע. אַ דאַנק. (שטעלט זיך, לײענט פֿערװאונדערט. װאָזנעסענסקי געהט אָב).

פֿינפֿטער אױפֿטריט.

ליזע. װאָס? װאָס?

קאַרעניִן. עס איז שרעקליך.

ליזע. (האַפּט דעם בריעף). לײען!

קאַרעניִן. (לײענט). „ליזע און װיקטאָר, איך װענד זיך צו אײַך בײדען. עס װעט ניט זײַן קײן ליגען, װען איך װעל אײַך רופֿען ליעבע, אָדער טײַערע. איך קען ניט בעהערשען דאָס געפֿיהל פֿון אַ פּײַנליכען פֿערדרוס און פֿערביטערונג צו מיר אַלײן, װען איך קלער װעגען אײַך, װעגען אײַער ליעבע, װעגען אײַער גליק, איך װײס אַלץ. איך װײס, אַז ניט קוקענ-דיג, װאָס איך בין אַ מאַן, האָב איך כּסדר געשטערט אײַער גליק. איך בין אין אַלץ שולדיג, פֿונדעסטװעגען קען איך בע-קעמפֿען מײַן פֿערדרוס אויף אײַך. טעאָרעטיש ליעב איך אײַך בײדען, בעזונדערס ליזען, ליזעטשקען, נור פּאַקטיש בין איך צו אײַך בײדען נאָך מעהר װי קאַלט. איך װײס, אַז איך בין ניט גערעכט. נור איך קען מיך ניט ענדערען".

ליזע. װי קען ער עס...

קאַרעניִן (לײענט װײַטער). „נור צו דער זאַך. מײַן צװײט געפֿיהל צװינגט מיך צו ערפֿילען אײַער פֿערלאַנג ניט װי איהר האָט עס געװאָלט. ליגען, שפּיעלען אַ מאוסע קאָמע-דיע, געבען שוחד אין קאָנסיסטאָריום און די עקעלהאַפֿטע צע-רעמאָניע איז מיר צו-װידער, אונערטרעגליך. װי מאוס איך

זאָל ניט זײַן, בין איך אַלץ אויף אַנ'אַנדער אופן מאוס און אין דער געמיינהײַט קען איך קיין אָנטײַל ניט נעהמען. אײנפאַך איך קען ניט — „דער אַנדערער אויסוועג, וואָס איך האָב געוועהלט, איז אַנ'אײנפאַכער: איהר דאַרפט חתונה האָבען כדי איהר זאָלט זײַן גליקליך, איך שטער אײַך, הײסט עס: איך מוז מיך פערניכטען"...

ליזע (האַפּט קאַרעניגען פאַר'ן האַנד). וויקטאָר!

(לײענט) ... „איך מוז מיך פערניכטען. און איך פערניכט מיך. ווען איהר וועט ערהאַלטען דעם בריעף וועל איך שוין מעהר ניט זײַן"...

P. S. „עס טוט מיר לייד, וואָס איהר האָט מיר געשיקט געלד אויף דעם גט-פראָצעס. דאָס איז אונאַנגענעהם און פון אײַך האָב איך עס ניט ערוואַרט. נו, נאָר וואָס מאַכט מען? איך האָב אַזוי פיעל מאָל געגרײַזט אין לעבען, איהר מעגט אויך אײנמאָל מאַכען אַ פעהלער. דאָס געלד ווערט אײַך צוריקגעשיקט. מײַן אויסוועג איז קורצער, זיכערער און ביליגער. אײנס בעט איך אײַך: זענט ניט אין כעס אויף מיר און דערמאָהנט מיך ניט צום שלעכטען. נאָך עפּיס: דאָ איז פערהאַן אַ זייגער-מאַכער יעווגעניעוו, קענט איהר איהם ניט העלפען און אײַנאָרדנען איהם ערגיץ? ער איז אַ שוואַכער, נאָר אַ גוטער מענש. אַדיע. פעדיאַ".

ליזע. ער האָט זיך גענומען דאָס לעבען? יאָ...

קאַרעניָן (קלינגט, לויפט צום פאָר'הויז). רופט צוריק דעם הערר וואָזניעסענסקי!

ליזע. איך האָב געוואוסט, איך האָב געוואוסט! פעדיאַ, ליעבער פעדיאַ!

קאַרעניָן. ליזע!

ליזע. ס'איז אַ ליגען, ס'איז אַ ליגען, אַז איך האָב איהם ניט געליעבט, אַז איך ליעב איהם ניט! איך ליעב נאָר איהם אַליין! איך ליעב! און זיך האָב איהם אומגעבראַכט. לאָז מיך. (עס קומט אַרײַן וואָזנעסענסקי).

עקסטער אויפטריט.

קאַרעֶנין, ליזעֶ און וואָזנעֶסעֶנסקי.

קאַרעֶנין. וואו איז פיאָדר וואַסיליעֶוויטש? וואָס האָט מעֶן אייַך געזאָגט?

וואָזנ. מעֶן האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַוועֶק אין דעֶרפריה, האָט איבערגעֶלאָזעֶן אָט דעֶם בריף און איז שוין מעֶהר ניט צוריקגעֶקומעֶן.

קאַרעֶנין. מעֶן מוז זיך עֶס דעֶרוויסעֶן. ליזעֶ, איך לאָז דיך.

ליזעֶ. עֶנטשולדיג מיר, נאָר איך קעֶן אייַך קיין ליגעֶן ניט זאָגעֶן. לאָז מיך איצט. געֶה דעֶרוויס זיך...

(פאָרהאַנג.)

פינפטער אקט.

ערשטעם בילד.

אַ שמוציג צימער אין אַ שיי-ק. אַרום אַ טיש טרינקט מען טעה און בראָנפען. פאַראויס אַ טישעל, ביי וועלכען עס זיצט פעדיאַ, אַנ'אָבגעלאָזענער און אַנ'אָבגעריסענער, מיט איהם זיצט פעטושקאָוו, אַ אויפמערקזאַמער און צאַרטער מענש, מיט לאַנגע האָר, זעהט אויס ווי אַ גייסטליכער. ביידע זענען אַביסעל שכור.

ערשטער אויפטריט.

פעדיאַ און פעטושקאָוו.

פ ע ט ו ש. כ'פערשטעה, כ'פערשטעה. אָט דאָס הייסט ריכטיגע ליעבע! נו, איז וואָס-זשע?

פ ע ד י אַ. יאָ, איהר ווייסט, ווען אַזעלכע געפיהלען בעהערשען אַ מיידעל פון אַנדערע קרייזען, אַז זי איז גרייט אַלץ אָפּפערן פאַר'ן געליעבטען מענשען... דאָס איז אָבער אַ ציגיינערין, וואָס איז ערצויגען געוואָרען נאָר אויף זעלבסטזוכט, און אַזאַ ריינע אָפּפער-פערטיגע ליעבע! זי גיט אָב אַלץ און זי פאָדערט גאָרנישט צוריק. אָט אַזאַ קאָנטראַסט...

פ ע ט ו ש. יאָ, ביי אונז, אין דער מאַלעריי, רופט מען עס „וואַלער". מען קען נאָר דאַן אַרויסבעקומען אַ העל-רויטע

פאַרב ווען אַרום איז גרין, נאָר ניט דאָס מיין איך! איך פערשטעה, איך פערשטעה.

פ ע ד י אַ. און נאָך עפּיס, מיר דוכט, אַז איין גוטע זאַך האָב איך געטון. איך האָב ניט אויסגענוצט איהר ליעבע. איהר ווייסט פאַרוואָס?

פ ע ט ו ש. אויס רחמנות.

פ ע ד י אַ. אַך, ניין. קיין רחמנות-געפיהל האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט צו איהר. איך האָב שטענדיג געהאַט אַ געפיהל פון התלהבות און ווען זי האָט געזונגען... אַך, ווי זי האָט עס געזונגען! — אָ, זי זינגט איצט אויך! שטענדיג האָב איך אויף איהר געקוקט פון אונטען אַרויף. איך האָב זי ניט אומגליקליך געמאַכט איינפאַך, ווייל איך האָב זי געליעבט. אויפריכטיג געליעבט. און איצט אויך — ס'איז אַ גוטע, אַ גוטע לעבענס-ערינערונג. (טרינקט).

פ ע ט ו ש. אָט דאָס פערשטעה איך. אידעאַליסטיש.

פ ע ד י אַ. איך וועל אייך זאָגען: איך האָב געהאַט פלירטען מיט פרויען. איינמאָל בין איך געווען פערליעבט, אַ דאַמע איז עס געווען זעהר אַ שענע, איך בין געווען מאוס פערליעבט, ציניש, אויפ'ן הינטישען שטייגער און זי האָט מיר געגעבען אַ ראַנדע-וואו. איך בין ניט געקומען, ווייל איך האָב עס געהאַלטען פאַר נידערטרעכטיג, פאַר ניט-עהרליך צו איהר מאַן. און מאָדנע, ביז היינטיגם טאָג, ווען איך דערמאָן זיך נאָר אָט דעם פאַל, וויל איך זיך פרעהען און ריהמען זיך אַליין, וואָס איך בין געווען עהרליך און... חרטה האָב איך ווי אויף אַנ'עבירה. און דאָ מיט מאַשאַ'ן איז גאָר פערקעהרט. איך פרעה זיך שטענדיג, איך פרעה זיך, וואָס איך האָב מיט קיין זאַך ניט פערשוועכט דאָס געפיהל. איך קען פאַלען נאָך נידעריגער, איינגאַנצען פאַלען, לייז וועלען אויף מיר קריכען, קרעציג וועל איך זיין, דער בריליאַנט אָבער, ניט קיין בריליאַנט, נאָר דער זונען-שטראַהל וועט זיין אין מיר און מיט מיר.

פ ע ט ו ש. כ'פערשטעה, כ'פערשטעה. וואו-זשע איז זי איצט?

פ ע ד י אַ. כ'ווייס ניט. און וואָלט ניט געוואָלט וויסען. דאָס האָט פּאַסירט גאָר אין אַנ'אַנדער לעבען; איך וויל עס ניט

צונויפמישען מיט דעם איצטיגען.

(ביי א טישעל הינטען הערט זיך א געשריי פון א פרוי. עס קומט אריין דער ווירט מיט א פאליציאנט און מען פיהרט זי אוועק. פעדיא און פעטושקאוו הערען און זעהען שווייגענד).

פעטוש. (נאכדעם ווי עס ווערט רוהיג). יא, א וואונדערליך לעבען אייערס.

פעדיא. דאס סאמע איינפאכסטע. אלע מענשען, פון דעם קרייז פון וועלכען איך שטאם, האבען דריי וועגען אין לעבען; איין וועג — זיין אויף א שטעל און פערדינען געלד, פערגרעסערן די נידערטרעכטיגקייט, אין וועלכער דו לעבסט. דאס האט מיר געעקעלט, אפשר האב איך עס גאר ניט געקענט, ניין, עס האט מיר פשוט געעקעלט. דער צווייטער — בעקעמפפען, פערניכטען די נידערטרעכטיגקייט. צו דעם דארף מען אבער זיין א העלד. אדער דער דריטער: פערגעסען זיך, טרינקען, זויפען, זינגען — און דאס האב איך טאקע געטון. און אט צו וואס איך האב זיך דערזונגען!... (טרינקט).

פעטוש. נו, און דאס פאמיליען-לעבען! איך וואלט געווען גליקליך, ווען איך וואלט געהאט א פרוי. מיך האט מיין פרוי רואינירט.

פעדיא. פאמיליען-לעבען? יא. מיין ווייב איז א פרעכטיגע פרוי, זי לעבט אויך איצט. נאר ווי אזוי זאל איך עס דיר זאגען, עס האט געפעהלט עפּיס א ראזינקע... דו ווייסט א ראזינקע אין קוואס? — עס איז ניט געוועזען קיין רייץ אין אונזער פאמיליען-לעבען. מיר איז געוועזען נויטיג פערגעסען זיך און אהן רייץ וועסטו זיך קיינמאל ניט פערגעסען. איך האב אנגעהויבען זיך פיהרען מאוס. און דו ווייסט דאך: מיר ליעבען מענשען פאר דאס גוטס, וואס מיר טוען זיי און האסען זיי פאר דאס שלעכטס, וואס מיר האבען זיי געטון, און איך האב איהר געטון שלעכטס. זי האט מיך, דוכט זיך, געליעבט.

פעטוש. פארוואס זאגט איהר: דוכט זיך?

פעדיא. איך זאג עס, ווייל זי האט קיינמאל ניט פערמאגט דאס, וואס זאל מיך פערהאפען ביים הארצען, ווי מאשא; נאר ניט דאס בין איך אויסען. זי איז געוועזען א שוואנגערע, האט געשטילט א קינד און איך פלעג פערפאלען ווערען

און פלעג קומען צוריק אהיים א שכור׳ער. אט פאר דעם אליין האב איך זי אלץ וועניגער און וועניגער ליעב געהאט. יא, יא, (ווערט אויפגעלעבט). מיר איז איצט איינגעפאלען: איך ליעב דע־ריבער מאשא׳ן, וויל איך האב איהר געטון נאר גוטס און ניט קיין שלעכטס. דעריבער ליעב איך זי און יענער האב איך גע־פייניגט; דערפאר... ניט דאס וואס איך ליעב זי ניט... ניין, איך ליעב זי איינפאך ניט. איך בין געווען איפערזיכטיג, דאס איז אויך פאריבער.

צווייטער אויפטריט.

פעדיא, פעטושקאוו און ארטעמיעוו.

(עס געהט צו ארטעמיעוו מיט א קאקארדע, מיט געפארבטע וואנסעס, אין א צוגעפאסטער אלטער קליידונג.

ארטעמיעוו. מיט א גוטען אפעטיט. (גריסט זיך מיט פעדיא׳ן) האט איהר זיך בעקאנט מיט׳ן קינסטלער־מאלער?

פעדיא. (קאלט). בעקאנט זיך.

ארט. (צו פעטושקאוו׳ן). וואס איז מיט׳ן פארטרעט, געענדיגט?

פעטו. ניין, ס׳איז גאר ניט געווארען.

ארט. (זעצט זיך). איך שטער אייך ניט?

(פעדיא און פעטושקאוו שווייגען).

פעטוש. פיאדר וואסילעוויטש האט דערצעהלט פון זיין לעבען.

ארט. סעקרעטען? שטער איך ניט, רעדט ווייטער, איך האב אייך ניט נויטיג. שווייגען! (ער געהט אוועק צום צווייטען טיש, בעשטעלט ביער. הערט זיך צו די גאנצע צייט צום שמועס פון פעדיא מיט פעטושקאוו׳ן, בויגט זיך איבער צו זיי).

פעטוש. ער האט זיך בעליידיגט.

פעדיא. מיין דאגה, כ׳קען ניט, מיט אזא מענשען בין איך ניט אימשטאנד א ווארט אויסצורייד‏ען, מיט אייך איז מיר לייכט, אנגענעהם. וואו־זשע — האלט איך?

פעטוש. איהר האט געזאגט, אז איהר זענט געווען איפערזיכטיג.

פעדיא. אך, (פערקלערט זיך), ס׳איז א מערקווירדיגע גע־

שיכטע — מיין פרוי האט דאך חתונה געהאט.

פעטוש. ווי אזוי? גע'גט?

פעדיא (שמייכעלט). זי איז געבליבען אנ'אלמנה נאך מיר.

פעטוש. וואס הייסט? ווי אזוי?

פעדיא. אט אזוי אנ'אלמנה, איך בין דאך ניטא.

פעטוש. וואס הייסט ניטא?

פעדיא. ניטא, איך בין א מת. (ארטעמיעוו בויגט זיך אי־בער; הערט זיך צו.) אייך קען איך עס פערצעהלען. עס איז שוין געוועזען לאנג און מיין ריכטיגען פאמיליען־נאמען ווייסט איהר ניט. די מעשה איז געוועזען אזוי: ווען איך האב מיין ווייב אינ־גאנצען פערמוטשעט, ווען איך האב פערזויפט אלץ, וואס האב נור געקאנט און בין געווארען אונערטרעגליך, איז אויסגעוואק־סען א בעשיצער פון מיין פרוי. מיינט ניט, אז עס איז פארגע־קומען עטוואס שמוציגעס און ניט־שענעס. ניין, ס'איז מיינער א חבר און א זעהר גוטער מענש, דער ריכטיגער היפך פון מיר, און אזוי ווי אין מיר איז פערהאן מעהר שלעכטעס ווי גוטעס, דעראיבער איז ער געוועזען א גוטער, זעהער א גוטער מענש, אנ'ערליכער, מיט כאראקטער, אנ'איינגעהאלטענער און איינפאך א בעל־רחמים. ער האט געקאנט מיין פרוי פון קינדהייט אן, און האט זי געליעבט. אז זי האט מיט מיר חתונה געהאט האט ער זיך אונטערגעגעבען זיין הארטען שיקזאל. שפעטער, ווען איך בין געווארען העסליך און האב אנגעהויבען פייניגען מיין פרוי, האט ער אנגעהויבען אפטער אריינקומען צו אונז. כ'האב עס אליין געוואלט. זיי האבען זיך פערליעבט. צו דער צייט בין איך אינגאנצען אראב פון טראפ און האב געווארפען מיין פרוי. דא קומט נאך די מעשה מיט מאשא'ן. איך האב זיי אליין גערעטען, זיי זאלען חתונה האבען. זיי האבען ניט געוואלט. איך בין אבער אלץ אונערטרעגליכער געווארען און עס האט זיך געענדיגט מיט דעם, אז...

פעטוש. ווי דער שטייגער איז...

פעדיא. ניין, איך בין זיכער און ווייס עס, אז זיי זענען געבליבען ריין. ער, איז א רעליגיעזער מענש און האט געהאל־טען פאר אנ'עבירה לעבען מיט איהר אהן א קירכליכע טרוי־אונג. הכלל, זיי האבען אנגעהויבען פעדערן א גט; איך האב

בעדארפט נעהמען אויף זיך די שולד, די אלע ליגענס...
און איך האב ניט געקענט. איהר וועט מיר גלייבען, עס איז מיר לייכטער געווען נעהמען זיך דאס לעבען איידער זאגען א ליגען. איך האב שוין געוואלט בעגעהן זעלבסטמארד. קומט א גוטער מענש און זאגט מיר — צו־וואס? און האט אלץ איינגעארדענט. איך האב געשיקט א געזעגען־בריעף און מאר האט מען געפונען אויפ'ן ברעג מיינע קליידער און מיינע פא־פירען. שווימען קען איך ניט.

פעטוש. און דעם קערפער, איהם האט מען דאך ניט געפונען.

פעדיא. געפונען, שטעלט אייך פאר אזא צופאל. אין אלט טאג ארום האט מען געפונען עפיס א קערפער. מען האט גערופען מיין פרוי. דער קערפער איז געווען שוין צופוילט, זי האט א קוק געטון. ער? — ער. און אזוי איז עס געבליבען. מיך האט מען בעגראבען, זיי האבען חתונה געהאט און לעבען דא שען, פיין, ווי גאט האט געבאטען. און איך — אט בין איך, איך לעב און טרינק. נעכטען בין איך פארביי־געגאנגען זייער הויז. אין די פענסטער ליכטיג, עפיס א שאטען דורכגעלאפען פאר־ביי. אמאל איז פאסקודנע און אמאל — גאר ניט. שלעכט איז, ווען עס איז קיין געלד ניטא... (טרינקט).

ארטעמיעוו. (געהט צו). ענטשולדיגט מיר, איך האב געהערט אייער היסטאריע. א שענע געשיכטע און הויפטזעכליך — א נוצליכע. איהר זאגט: ס'איז שלעכט, ווען עס איז קיין געלד ניטא. ניטא קיין ערגערע זאך. אבער איהר, אין אייער לאגע, דארפט האבען געלד. איהר זענט דאך א מת. וואויל...

פעדיא. ערלויבט מיר, איך האב דאך ניט אייך דער־צעהלט. איך נויטיג זיך ניט אין אייערע עצות.

ארט. און איך וויל אייך זיי געבען. איהר זענט א מת, ווי אבער וועט זיין, אז איהר ווערט לעבעדיג, וואס וועלען זיי זיין — אייער פרוי מיט'ן העדר, וואס לעבען, ווי גאט האט געבאטען? — זיי וועלען זיין בינאמיסטען. אין בעסטען פאל וועט מען זיך עס דערוויסען. פארוואס־זשע זאלט איהר לעבען אהן געלד.

פעדיא. איך בעט אייך, לאזט מיך צורוה.

ארט. שרייבט פשוט א בריעף. אויב איהר ווילט וועל איך אנשרייבען, גיט מיר נאר דעם אדרעס און איהר וועט מיר דאנקען.

פעדיא. געהט אוועק! איך האב אייך דען געזאגט עפּיס? איך האב אייך גארניט געזאגט.

ארט. ניין, איהר האט יא געזאגט. אט איז אנ'עדות. דער קעלנער האט געהערט, ווי איהר האט געזאגט, אז איהר זענט א מת.

דער קעלנער. איך ווייס גארניט.

פעדיא. געמיינער יונג!

ארט. איך בין א געמיינער יונג? עה, גאראראוואי! א פראטאקאל שרייבען!

(פעדיא שטעהט אויף, וויל געהן. ארטעמיעוו האלט איהם, עס קומט א גאראדאוואי).

צווייטעס בילד.

ס'קומט פאר אין דארף אויף א טעראסע, בעוואקסען מיט גרינס.

ערשטער אויפטריט.

אננא דמיט., קארעניז, ליזע (א שוואנגערע), אנ'אם מיט א קינד.

ליזע. איצט פאהרט ער שוין פון וואקזאל.

דער יונגעל. ווער פאהרט?

ליזע. דער פאפא.

דער יונגעל. דער פאפא פאהרט פון וואקזאל!

ליזע. ס'איז וואונדערליך ווי ער ליעבט איהם, ריכטיג ווי אנ'אייגענעם פאטער.

אַננאַ דמיט. ס׳איז נאָך בעסער, דערמאָנט ער אמאָל זײַן ריכטיגען פאָטער!

ליזע (זיפצט). איך זאָג איהם גאָרניט. צי וואָס זאָל מען איהם פלאָנטערן. אַנ׳אַנדערש מאָל מײַן איך, אַז מען מוז איהם זאָגען. ווי מײַנט איהר, מאַמאַ?

אַננאַ דמיט. איך מײַן, אַז דאָס איז אַ געפיהלס־זאַך. אויב דו וועסט זיך פערלאָזען אויף אײַגען געפיהל וועט דיר שוין דאָס האַרץ זאָגען, וואָס און ווען צו זאָגען. אַך, ווי דער טויט האָט בכח צו מאַכען שלום! איך מוז מודה זײַן, ס׳איז געווען אַ צײַט, וואָס ער, פעדיאַ — איך האָב דיך איהם גע־נעבט, — איך האָב דיך איהם געקאָנט אַלס קינד — איז מיר געווען צו־ווידער, נאָר איצט געדענק איך נאָר דעם ליעבען יונגען־מאַן, וויקטאָר׳ס חבר, אַ ליידענשאַפטליכער מענש. וואָס האָט זיך, אפילו ניט געזעצליך, ניט רעליגיעז, געאָפפערט פאַר די, וועלכע ער האָט געליעבט. מען קען שוין ריידען, די טהאַט אָבער זי איז שוין... איך האָף, אַז וויקטאָר וועט ניט פערגעסען ברענגען קײַן וואַל, עס איז שוין אינגאַנצען אויסגעגאַנגען (שטריקט).

ליזע. אָט פאָהרט ער.

(מען הערט דעם קלאַפּ פון רעדער און גלעקלעך. ליזע שטעהט אויף זוין געהט צו צום ברעג פון דער טעראַסע).

ליזע. עמיץ פאָהרט מיט איהם. אַ דאַמע אין אַ הוט. די מאַמאַ! הונדערט יאָהר האָב איך זי שוין ניט געזעהען. (געהט צו דער טיר).

צווייטער אויפטריט.

ליזע, אַננאַ דמיט. די אַם מיט׳ן קינד. ס׳קומט אַרײַן קאַרענין און אַננאַ פּאַװל.

אַנ. פּאַוול. (קושט זיך מיט ליזען און מיט אַננאַ דמיט.). וויק־טאָר האָט מיך בעגעגענט און האָט מיך מיטגענומען.

אַננאַ דמיט. ער האָט גוט געטון.

אַנ. פּאַוול. פערשטעהט זיך. איך קלער מיר: ווען וועל איך זיי זעהן? איך וועל כסדר אָבלייגען. בין איך געקומען, אויב איהר וועט מיך ניט אַרויסטרייבען וועל איך דאָ זײַן ביז

דעם אָווענד-צוג.

קאַרענין (קושט ליזען, די מוטער און דאָס קינד). ווי גליקליך איך בין — גראַטולירט מיר. צוויי טעג און דער-היים. מאָרגען וועט מען דאָרט אַלץ אָבטון אָהן מיר.

ליזע. ווי גוט. צוויי טעג! שוין לאַנג ניט געווען. מיר וועלען פאָהרען אין סטעפּ אַריין. יאָ?

אַנ. פּאַוול. ווי ענליך ער איז. אַ יונג מיט ביינער! זאָל ער נאָר ניט אַלץ ירש'נען פונ'ם טאַטען: דאָס האַרץ דעם פאָטערס.

אַנאַ. דמיט. נור ניט זיין שוואַכקייט.

ליזע. אַלץ, אַלץ! וויקטאָר איז מיט מיר איינשטימיג, אַז ווען מען וואָלט איהם פון קינדוויי אָן געשטעלט אויפ'ן ריכטיגען וועג...

אַננאַ פּאַוו. איך פערשטעה עס ניט. נור איך קען ניט קלערען וועגען איהם און טרערען זאָלען זיך מיר ניט שטעלען אין די אויגען.

ליזע. מיר אויך. ווי ער אויסגעוואַקסען אין אונזער זכרון.

אַננאַ פּאַוול. יאָ, איך קלער אויך אַזוי.

ליזע. אַ צייט האָבען מיר געמיינט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגען. און פּלוצלונג האָט גענומען אַ סוף.

אַננאַ דמיט. וויקטאָר, דו האָסט געבראַכט וואָל?

קאַרענין. געבראַכט, געבראַכט. (נעהמט אַ זעקעל און לעגט אַרויס). אָט איז וואָל, אָט איז אָ—דע—קאָלאָן, אָט זענען בריעף און דאָ איז אַ קאַזיאָנער בריעף אויף דיין נאָמען. (גיט ליזען). נו, אַננאַ פּאַוולאָוונאַ אויב איהר ווילט זיך וואַשען, וועל איך אייך בעגלייטען. איך וויל אַליין אויך זיך אַרומרייניגען, באַלד דאַרף מען געהן צום מיטאָג. ליזע, דאָס אונטערשטע, דאָס ווינקעלדיגע צימער איז דאָך פאַר אַננאַ פּאַוולאָוונאַ?

(ליזע, בלאַס, האַלט מיט טרייסלענדע הענד אַ פּאַפּיר און לייענט).

קאַרענין. וואָס איז מיט דיר? ליזע! וואָס איז דאָרט?

ליזע. ער לעבט! מיין גאָט! ווען וועט ער מיך שוין בעפרייען?! וויקטאָר! וואָס איז עס? (וויינט)!

קאַרענין (נעהמט דאָס פּאַפּיער און לייענט). דאָס איז שרעקליך.

אננאַ דמיט. וואָס און שוין!

קאַרעניִן. שרעקליך! ער לעבט — זי איז אַ בינאַמיסטין און איך אַ פערברעכער. דאָס איז אַ פּאַפּיר פונ׳ם געריכט-פּאַר-שער, ער רופט אַרוים ליזען צו זיך.

אננאַ דמיט. וואָס פאַר אַ שרעקליכער מענש ער איז; פאַרוואָס האָט ער עס אַלץ געטון?

קאַרעניִן. ס׳איז אַ ליגען, אַ ליגען!

ליזע. אַך, ווי איך האַס איהם! איך ווייס ניט וואָס איך רייד... (געהט אַוועק וויינענדיג, קאַרעניִן געהט נאָך איהר.) —

דריטער אויפטריט

אננאַ דמיט. און אננאַ פּאַוול.

אננאַ פּאַוול. ווי אַזוי איז ער געבליבען לעבען?

אננאַ דמיט. איך ווייס נור, אז ווי נור וויקטאָר האָט זיך נור צוגעריהרט צו דעם וועלטיל פון שמוץ... זיי וועלען איהם פערשלעפּען אין שכוּץ, אָט האָבען זיי שוין איהם אַריינגעשלעפּט, עס איז אַלץ לוֹ. און טרוג!

פאָרהאַנג,

זעקסטער אקט.

ערשטעס בילד.

דאָס צימער פונ'ם גערי̇כטס-פאָרשער, דער געריכטס-פאָרשער זיצט ביי א טיש און רעדט מיט מעלניקאָוו'ן. ביי א זייט זיצט דער סעקרעטאַר און בלעטערט פאַפּירען.

ערשטער אויפטריט.

דער גערי̇כטס-פאָרשער, מעלניקאָוו און דער סעקרעטאַר.

גער. פאָרש. איך האָב עס איהר קיינמאָל ני̇ט געזאָגט. זי האָט עס אַליין אויסגעקלערט און בעקלאָגט זיך אויף מיר.

מעלנ. זי בעקלאָגט עס ני̇ט, זי בעדויערט עס נאָר.

דער פאָרש. נו, גוט, איך וועל קומען צו מיטאָג. איצט האָב איך זעהר אַ אינטערעסאַנטען פראָצעס. בעט זיי אריין.

סעקרעטאַר. ביידען?

גער. פאָרש. (ענדיגט רויכערן, בעהאַלט דעם פאַפּיראָס). ניין — נאָר פרוי קאַרעני̇ן, אָדער ריכטיגער נאָכ'ן נאָמען פון איהר ערשטען מאַן — פראָטאַסאָוואַ אַליין.

מעלנ. (אוועקגעהענדיג) אַ, דאָס איז קאַרעני̇ן.

גער. פאָרש. יאָ, אַ שמוציגער פראָצעס. איבעריגענס, איך הויב דאָך ערשט אָן די אויספאָרשונג. נאָר עס איז ני̇ט שען. נו, אַדיע. (מעלניקאָוו געהט אָב).

צווייטער אויפטריט.

געריכטס-פארשער, סעקרעטאר און ליזע (פערשלייערט אין שווארצען, קומט אריין).

גער. פארשער. כ'בעט זיצען (וויזט אן א שטוהל) גלויבט מיר, אז עס טוט מיר לייד, וואס איך מוז אייך שטעלען איי-ניגע פראגען. מיר זענען געצוואונגען. בערוהיגט זיך נאר און וויסט, אז איהר האט דאס רעכט צו ניט ענטפערן אויף מיינע פראגען. מיין מיינונג איז אבער — איהר און די אנדערע זאלען נאר זאגען דעם אמת. עס איז אלעמאל בעסער, זאגאר פראקטישער.

ליזע. איך האב ניט וואס צו בעהאלטען.

גער. פארש. טא הערט-זשע (קוקט אריין אין א פאפיר) איי-ער נאמען, שטאנד און גלויבען — דאס אלץ האב איך פער-שריבען — אזוי?

ליזע. יא.

גער. פארשער. איהר ווערט בעשולדיגט אין דעם, אז וויסענדיג, אז אייער מאן לעבט האט איהר חתונה געהאט מיט אנ'אנדערן.

ליזע. איך האב עס ניט געוואוסט.

גער. פארשער. און אין דעם, אז איהר האט אונ-טערגעקויפט אייער מאן מיט געלד, אז ער זאל סימולירען א זעלבסט-מארד, כדי בעפרייען זיך פון איהם.

ליזע. דאס אלץ איז ניט ריכטיג.

גער. פארש. איצט ערלויבט מיר צו שטעלען אייך עטלי-כע פראגען: האט איהר איהם געשיקט אין מאנאט יולי פון פערגאנגענעם יאהר צוועלף הונדערט רובל?

ליזע. דאס איז געוועזען זיין געלד. מען האט זיי בעקו-מען פאר זיינע פערקויפטע זאכען. אין דער צייט, וואס איך בין זיך פונאנדערגעגאנגען מיט איהם און געווארט אויף א גט, האב איך עס איהם אבגעשיקט.

גער. פארש. אזוי. זעהר גוט. דאס געלד איז געשיקט געווארען דעם 17-טען יולי, ד. ה. מיט צוויי טעג פריהער איידער ער איז פערשוואונדען געווארען.

ליזע. מיר שײַנט, אַז דעם 17-טען יולי, איך געדענק ניט.

גער. פאָרש. פאַרוואָס האָט מען אין יענער צײַט אָבגעשטעלט די שתדלנות אין קאָנסיסטאָריום און אָבגעזאָגט דעם אַדוואָקאַט.

ליזע. כ'ווײס ניט.

גער. פאָרשער. נו, און בשעת די פאָליציי האָט אײַך אײַנגעלאַדען צו דערקאָנען דעם טויטען קערפּער, ווי אַזוי האָט איהר אין איהם דערקאָנט אײַער מאַן?

ליזע. איך בין דאַן געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב גאָרניט געקוקט אויפ'ן קערפּער. איך בין געווען אַזוי זיכער, אַז דאָס איז ער, אַז ווען מען האָט מיך געפרעגט, האָב איך געענטפערט: דוכט זיך, אַז ער איז עס.

גער. פאָרש. איהר האָט ניט בעטראַכט דעם קערפּער צוליעב דער זעהר פערשטענדליכער אויפרעגונג, גוט. נו, ערלויבט מיר אָבער צו פרעגען: פון אײַך איז געשיקט געוואָרען יעדען מאָנאַט אַ פּאַקעט און געלד קײַן סאַראַטאָוו, אין דערזעלבער שטאָדט, אין וועלכער עס האָט געוואוינט אײַער ערשטער מאַן?

ליזע. דאָס געלד האָט געשיקט מײַן מאַן, איך קען וועגען דעם גאָרניט זאָגען, עס איז ניט מײַן געהײמניס. נאָר איך ווײס, אַז מען האָט עס נישט געשיקט פיאָדאָר וואַסיליעוויטש'ן. מיר זענען געווען פעסט איבערצײַגט, אַז ער איז טויט. דאָס קען איך אײַך אויף זיכער זאָגען.

גער. פאָרש. זעהר גוט. ערלויבט מיר נאָר צו מאַכען אײַך, מאַדאַם, אויפמערקזאַם אויף אײן זאַך, — מיר זענען טאַקע די דיענער פונ'ם געזעץ, נאָר דאָס שטערט אונז ניט צו זײַן מענשען. גלויבט מיר, אַז איך געה אַרײַן אין אײַער לאַגע, איך פיהל מיט מיט אײַך. איהר זענט געווען פערבונדען מיט אַ מענשען, וועלכער האָט פערשווענדעט דאָס פערמעגען, איז אײַך געווען ניט טרײַ, נו, בקיצור ער האָט אײַך געמאַכט אומגליקליך...

ליזע. איך האָב איהם געליעבט.

גער. פאָרש. ריכטיג, נאָר פונדעסטוועגען איז עס פער-

שטענדליך, אז איהר האט זיך געוואלט בעפרייען פון איהם, און איהר האט געוועהלט דאס איינפאכערע מיטעל. ניט פאַרויסזעהענדיג, צו וואס דאס קען פיהרען און ניט וויסענדיג, אַז עס איז אַ פערברעכען. דאס פערשטעה איך, און די ריכטער וועלען עס אויך פערשטעהן און דעריבער וואלט איך אייך געראַטען זאגען אַלץ דעם אמת.

ליזע. איך האב מעהר ניט וואס צו זאגען. איך האב קיינמאל קיין ליגען ניט געזאגט. (וויינט). איהר דאַרפט מיך שוין מעהר ניט?

גער. פארש. איך וואלט אייך געבעטען בלייבען דא נאך אַ ווייַלע, איך וועל אייך שוין מעהר ניט בעאונרוהיגען מיט מיינע פראגען. זענען ריכטיג איבערגעגעבען געווארען אייערע אַנטווארטען? כ'בעט אייך. זעצט זיך דא (בעווייזט אויף אַ שטוהל ביים פענסטער. צום סעקרעטאר:) בעט אַריין דעם הערר קאַרענין.

דריטער אויפטריט.

געריכטס=פארשער, סעקרעטאר, ליזע, ס'קומט אַריין קאַרענין, שטרענג, פייערליך.

גער. פארש. כ'בעט זעהר.

קארענין. כ'דאַנק (שטעהט). וואס ווילט איהר פון מיר?

גער. פארש. איך מוז אייך אויספרעגען.

קארענין. מיט וואס פאַר אַ רעכט?

גער. פארש. (שמייכלענדיג). מיט'ן רעכט פון אַ געריכטס-פארשער, איך דאַרף אייך אויספרעגען אַלס אַ בעשולדיגטען.

קארענין. אַזוי גאר? און וואס בעשולדיגט מען מיך?

גער. פארש. אַז איהר האט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וואס האט אַ מאַן. איבעריגענס ערלויבט מיר שטעלען אייך די פראגען אין אַנ'ארדנונג. זעצט זיך.

קארענין. כ'דאַנק.

גער. פארש. אייער נאמען?

קארענין. וויקטאר קאַרענין.

גער. פארש. טיטול?

קארענין. קאַמערהערר,ווירקליכער געהיים-ראַט,

גער. פאָרש. עלטער?

קאַרענין. 38 יאָהר.

גער. פאָרש. גלויבען?

קאַרענין. אַ פּראַוואָסלאַוונער. קיינמאָל ניט געשטאַנען פאַר'ן געריכט און אויספאָרשונג. נו, וואָס נאָך?

גער. פאָרש. איז אייך געווען בעקאַנט, ווען איהר האָט חתונה געהאַט, אַז פיאָדר וואַסיליעוויטש פּראָטאַסאָוו לעבט?

קאַרענין. איך האָב ניט געוואוסט. מיר זענען ביידע געווען איבערצייגט, אַז ער האָט זיך דערטרונקען.

גער. פאָרש. ווערמען האָט איהר אָנגעהויבען שיקען מאָנאַטליך געלד קיין סאַראַטאָוו באַלד נאָך דער פאַלשער ידיעה וועגען פּראָטאַסאָוו'ס טויט?

קאַרענין. אויף דער פראַגע וויל איך ניט ענטפערן.

גער. פאָרש. זעהר גוט. מיט וואָס פאַר אַ צוועק האָט איהר געשיקט פּראָטאַסאָוו'ן צוועלף הונדערט רובל איידער ער האָט סימולירט דעם זעלבסט-מאָרד דעם 17-טען יולי?

קאַרענין. דאָס געלד האָט מיר איבערגעגעבען מיין פרוי.

גער. פאָרש. פרוי פּראָטאַסאָוו?

קאַרענין. מיין פרוי, צו איבערגעבען איהר מאַן. דאָס געלד האָט זי געהאַלטען פאַר זיין אייגענטום און פונאַנדערגעהענדיג זיך מיט איהם האָט זי עס געהאַלטען פאַר ניט עהרליך פערהאַלטען ביי זיך זיין געלד.

גער. פאָרש. איצט נאָך איין פראַגע. פאַרוואָס האָט איהר אָבגעשטעלט די שתדלנות וועגען גט?

קאַרענין. ווייל פיאָדר וואַסיליעוויטש האָט עס גענומען אויף זיך. האָט מיר געשריבען וועגען דעם.

גער. פאָרש. האָט איהר דעם בריעף?

קאַרענין. ער איז פערלוירען געוואָרען.

גער. פאָרש. מאָדנע, עס איז פערפאַלען געוואָרען גראָד דאָס, וואָס האָט געקענט איבערצייגען די ריכטער און די ריכטיגקייט פון אייערע ווערטער.

קאַרענין. דאַרפט איהר נאָך עפּיס?

גער. פאָרשער. איך דאַרף גאָרניט אויסער דער ערפילונג פון מיין פליכט. איהר דאַרפט אָבער אָראָבוואַרפען פון זיך

די שולד. און דאס, וואס איך האב געראטען דער פרוי פראטאסאוו וואלט איך אייך אויך געראטען — ניט פערלייקענען קיין שום זאך, דערצעהלען אלץ. איהר מוזט וויסען, אז הערר פראטאסאוו האט שוין דערצעהלט, ווי אזוי עס איז פארגעקומען. ער וועט מסתמא פאר׳ן גערילט דאסזעלבע דערצעהלען. איך וואלט אייך געראטען...

קארענין. איך וואלט אייך געראטען האלטען זיך שטרענג אין די ראהמען פון אייער פפליכט און אייערע עצות זענען איבעריג. מיר קענען שוין געהן? (געהט צו צו ליזע׳ן, זי שטעהט אויף און נעהמט איהם פאר׳ן האנד).

גער. פארש. עס טוט מיר לייד, וואס איך מוז אייך פערהאלטען... (קארענין קוקט זיך ארום פערוואונדערט). א, ניין, ניט ארעסטירען וויל איך אייך, חאטש דאס וואלט געווען פיעל בעקוועמער פאר דער אויספארשונג, נאר איך וועל ניט אנווענדען אזא מיטעל. איך האב נאר געוואלט פאר אייך אין די אויגען אויספרעגען פראטאסאוו׳ן. שטעלען איהם מיט אייך אויג אויף אויג און דאס וועט מיר העלפען חאפען איהם אין א ליגען. איך בעט אייך זיצען. רופט דעם הערר פראטאסאוו.

פיערטער אויפטריט.

געריכטס־פארשער, סעקרעטאר, ליזע, קארענין. ס׳קומט אריין א ברודיגער אנ׳אבגעלאזטער—פעדיא.

פעדיא (ווענדט זיך צו ליזען און קארענין׳ען). ליזע, יעליזאוועטא אנדרייעווגא, וויקטאר. איך בין ניט שולדיג. איך האב געוואלט מאכען וואס בעסער. און אויב איך בין שולדיג... פערצייהט מיר, ענטשולדיגט... (בוקט זיך זיי צו די פיס).

גער. פארשער. כ׳בעט אייך ענטפערן אויף די פראגען.

פעדיא. פרעגט.

גער. פארש. אייער נאמען?

פעדיא. איהר ווייסט דאך.

גער. פארש. כ׳בעט אייך ענטפערן.

פעדיא. נו, פיאדר פראטאסאוו.

גער. פארש. אייער טיטול, עלטער און גלויבען?

פעדיא (שווייגט). ווי שעמט איהר זיך ניט צו פרעגן אזעלכע נארישקייטען? פרעגט בעסער, וואס עס איז נויטיג און ניט נארישקייטען.

גער. פארש. איך בעט אייך אביסעל פארזיכטיגער זיך אויסצודריקען און ענטפערן אויף מיינע פראגען.

פעדיא. נו, אויב איהר שעמט זיך ניט — ביטע. טיטעל — קאנדידאט, עלטער 40 יאהר, גלויבען — פראוואסלאווער; נו, ווייטער?

גער. פארש. האבען קארעניו און זיין פרוי געוואוסט, אז איהר לעבט, ווען איהר האט איבערגעלאזען אייערע קליידער אויפ'ן ברעג טייך און אליין זענט איהר פערשוואונדען?

פעדיא. גאנץ זיכער — ניט. איך האב מיך געוואלט נעהמען דאס לעבען, נור שפעטער... נור דאס דארף מען דאך ניט דערצעהלען. הכלל, זיי האבען גאר ניט געוואוסט.

גער. פארש. פארוואס האט איהר געזאגט דעם פאליציי־בעאמטען עפיס אנדערש?

פעדיא. וועלכען פאליציי־בעאמטען? אה, יענסמאלט, ווען ער איז געקומען צו מיר אין רזשאנאוו־הויז, איך בין דאן געוועזען שכור און האב איהם געליינט איך געדענק ניט וואס, ס'איז אלץ נארישקייטען. איצט בין איך ניט שכור און זאג אייך דעם גאנצען אמת. זיי האבען גארניט געוואוסט. זיי האבען געגלויבט, אז איך בין טויט און מיך האט עס געפרעהט. און עס וואלט געבליבען אזוי, ווען ניט דער געמיינער קערל ארטעמיעוו. אויב עמיצער איז יא שולדיג אין דער גאנצער געשיכטע — בין איך עס.

גער. פארש. איך פערשטעה, אז איהר ווילט זיין גרויסמוטהיג. נור דאס געזעץ פאדערט דעם אמת. פארוואס האט מען אייך געשיקט געלד?

פעדיא (שווייגט).

גער. פארש. איהר האט ערהאלטען דורך סעמאנאוו'ן דאס געלד, וואס מען האט אייך געשיקט קיין סאראטאוו?

פעדיא (שווייגט).

גער. פארש. פארוואס שווייגט איהר? אין פראטאקאל וועט פערשריבען ווערען, אז אויף די פראגען האט דער אנגע-

קלאָגטער ניט געענטפערט און דאָס קאָן שאַדען אייך און זיי. ווי־זשע בלייבט?

פעדיאַ (שווייגט. אין אַ ווײַלע אַרום): ווי שעמט איהר אייך ניט, הערר פאַרשער! וואָס קריכט איהר אין אַ פרעמד לעבען? אייך טוט הנאה, וואָס איהר האָט די מאַכט, איהר ווילט זי בעוויזען און איהר פייניגט ניט פיזיש, נור מאָראַליש מענשען, וואָס זענען טויזענד מאָל בעסער פאַר אייך.

גער. פאָרש. כ'בעט אייך...

פעדיאַ. ניטאָ וואָס צו בעטען. איך וויל זאָגען אַלץ, וואָס איך קלער. און איהר שרייבט (צום סעקרעטאַר) זאָל לכל הפּחות צום ערשטען מאָל אַרײַנגעשריבען ווערען אין אַ פּראָטאָקאָל קלוגע מענשליכע רייד. (הויבט אויף די שטים). עס לעבען דריי מענשען, צווישען זיי זענען דאָ פערפלאָנטערטע בעציהונגען — עס קומט פאַר אַ קאַמפף צווישען גוטם און שלעכטס, אַ גייסטיגער קאַמפף, פון וועלכען איהר האָט קיין בעגריף ניט — דער קאַמפף ענדיגט זיך אַ דאַנק אַ געוויסען צופאַל, וואָס בינדט זיי פונאַנדער. אַלע בערוהיגען זיך. זיי זענען גליקליך — מיך דערמאָנען זיי מיט ליעבע. איך און מיין פאַלען בין גליקליך מיט דעם, וואָס איך האָב געטאָן, וואָס מ'דאַרף; איך בין אַוועק פונ'ם לעבען, כּדי נישט צו שטערען די, וואָס זענען פול מיט לעבען. אַזוי לעבען מיר אַלע. פּלוצלונג שווימט אַרויס אַ געמיינער מענש אַ שאַנטאַזשיסט, וואָס פאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל ווערען זיינער אַ שותּף צו אַ שאַנטאַזש. איך יאָג איהם דורך. געהט ער צו אייך, צום קעמפפער פאַר גערעכטיגקייט, צו דעם שיצער פון מאָראַל. און איהר, בעקומענדיג יעדען 20־טען געהאַלט פאַר אייער געמיינער טעטיגקייט, טוט אָן אַ מונדיר און מיט אַ לייכט האַרץ גלומעט איהר זיך איבער מענשען, וואָס איהר זענט ניט ווערט זייער מינדעסטען פינגערל, וואָס וואָלטען אייך צו זיך אויפ'ן שוועל ניט אַרויפגעלאָזען. נור איהר זענט דערקראָכען און אייך טוט עס הנאה...

גער. פאָרש. איך וועל אייך אַרויספיהרען.

פעדיאַ. איך שרעק זיך פאַר קיינעם ניט, ווייל איך בין אַ מת. איהר קענט מיר גאָרניט טון, ערגער ווי מיר איז איצט קען שוין ניט זיין, נו, פיהרט מיך אַרויס.

קאַרעניִן. מיר קענען געהן?

גער. פארש. ביטע, שרייבט נור אונטער דעם פּראָטאָקאָל.

פעדיאַ. ווי קאָמיש, ווי לעכערליך איהר וואָלט געווען, ווען איהר וואָלט נישט געווען אַזוי מאוס.

גער. פאָרש. פיהרט איהם אַרויס: איך אַרעסטיר אייך.

פעדיא (צו קאַרעניג'ען און ליזען). פערצייהט מיר.

קאַרעניִן. (געהט צו גיט איהם די האַנד). מסתמא איז אַזוי בעשערט... (ליזע און קאַרענין געהען דורך, פעדיא נייגט זיך טיעף פאַר ליזען).

(פאָרהאַנג).

צווייטעס בילד.

קאָרידאָר אין דער געביידע פונ'ם קרייז-געריכט, טיעף אין סצענע אַ גלעזערנע טיר, נעבען וועלכער עס שטעהט אַ שוויי- צאַר. רעכטס נאָך אַ טיר, דורך וועלכער מען פיהרט אַריין די אָנגעקלאָגטע. צו דער ערשטער טיר געהט צו איוואן פעטראָוויטש אַלעקסאַנדראָוו, אַן'אָבגעריסענער, וויל אַריין.

ער'שטער אויפטריט.

דער שווייצאַר און איוואַן פעטראָוויטש.

שווייצער. וואָהין? מען טאָר ניט. וואָהין קריכסטו?

איוו. פעט. פאַרוואָס טאָר מען ניט? אין געזעץ הייסט עס — די זיצונגען זענען עפענטליכע. (עס הערען זיך אַפּלאָדיסמענטען).

שווייצאַר. מען טאָר ניט און ווייטער גאָרניט. מען האָט ניט געהייסען.

איוו. פעט. לומפּ! דו ווייסט ניט, מיט וועמען דו רעדסט. (עס געהט אַרויס אַ יונגער אַדוואָקאַט אין אַ פראַק)

צווייטער אויפטריט.

דער שווייצאר, איוואן פעטראָוויטש און דער יונגער אדוואָקאט.

א ד וו אָ ק א ט. וואָס האָט איהר דאָ צו טון, צום פּראָצעס עפּיס?

א י. וו. פ ע ט ר. ניין, איך בין דאָס פּובליקום, און דער לומפּ, דער צערבער — לאָזט ניט.

א ד וו אָ ק א ט. דאָ איז דאָך ניט דער אריינגאנג פאר׳ן פּובליקום.

א י. וו. פ ע ט ר. כ׳ווייס, נאָר מיך קען מען אריינלאָזען.

א ד וו אָ ק א ט. ווארט, עס וועט באלד זיין א פּויזע. (ווייל געהן, בעגעגענט זיך מיט פּירסט אָבּרעזקאָוו).

דריטער אויפטריט.

דער שווייצאר, איוואן פעטראָוויטש, דער יונגער אדוואָקאט און פּירסט אָבּרעזקאָוו.

פ י ר ס ט. אָ ב ר ע ז. ערלויבט מיר צו פרעגען, וואו האַלט עס מיט׳ן פּראָצעס?

א ד וו אָ ק א ט. עס האַלט ביי די רעדעס פון די אדוואָקאטען. פּעטרושין רעדט (וויטער אפּלאָדיסמענטען).

פ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. ווי האַלטען זיך די אָנגעקלאָגטע?

א ד וו אָ ק א ט. מיט גרויס זעלבסט־ווירדע, בעזונדערס קארענין און יעליזאַוועטא אנדרייעוונא. ניט זיי שטעהען פאר׳ן געריכט, נאָר די געזעלשאַפט שטעהט פאר׳ן געריכט. דאָס לאָזט זיך פיהלען. אויף דער טעמע קלאַפּט טאַקע פּעטרושין.

פ י ר ס ט אָ ב ר ע ז. נו, און פראָטאַסאָוו.

א ד וו אָ ק א ט. ער איז זעהר אויפגערעגט, ער טרייסעלט זיך עפּיס אינגאַנצען, נאָר דאָס איז פערשטענדליך — ס׳אַר א לעבען ער האָט געפיהרט. נאָר ער איז עפּיס גאַנץ בעזונדערס אויפגערייצט, ער איז דעם פּראָקוראָר און די אדוואָקאטען אריינגעפאַלען אין די רייד. ער איז עפּיס גאַנץ בעזונדערס אויפגערעגט

פירסט אָבּרעָז. וואָס פאַר אַ רעזולטאַט זעהט איהר פאָראויס.

אַדוואָקאַט. שווער צו פאָראויסזאָגען. יעדענפאַלס איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די זאַך איז פריהער אָבּגע־רעדט געוואָרען, נאָר פונדעסטוועגען... (עס געהט אַרויס אַ הערר. פירסט אָבּרעזקאָוו געהט צו דער טיר). איהר ווילט דורכגעהן?

פירסט אָבּרעָז. יאָ, איך וואָלט געוואָלט.

אַדוואָק׳ ט. איהר זענט עס פירסט אָבּרעזקאָוו?

פירסט אָבּרעָז. איך.

אַדוואָקאַט (צום שווייצער). לאָזט דורך. דאָ תיכף, לינקס איז פאַרהאַן אַ פרייער שטוהל.

(דער שווייצאַר לאָזט דורך אָבּרעזקאָוו׳ן. עס עפענט זיך די ט־ר און מען זעהט אַנ׳אַדוואָקאַט, וואָס האַלט אין ריידען.)

פיערטער אויפטריט.

דער שווייצאַר, אַדוואָקאַט און איוואַן פעטראָוויטש.

איוו. פעט. אַריסטאָקראַטען! איך בין אַ גייסטיגער אַריס־טאָקראַט, דאָס איז העכער.

אַדוואָקאַט. נו, ענטשולדיגט־זשע (געהט דורך).

פינפטער אויפטריט.

דער שווייצער, איוואַן פעטראָוויטש און פעטושקאָוו.

(פעטושקאָוו געהט שנעל).

פעטוש. אָה, גוט מאָרגען, איוואַן פעטראָוויטש, וואו האַלט עס?

איוו. פעט. די אַדוואָקאַטען ריידען. אָט שטעהט מען און מען לאָזט ניט אַריין.

דער שווייצער. טומעלט דאָ ניט, דאָ איז ניט קיין שיינק! (ווייטער אַפּלאָדיסמענטען, ס׳עפענט זיך די טיר, ס׳געהען אַרויס אַד־וואָקאַטען, צושויער, הערען און דאַמען)

זעקסטער אויפטריט.

דיזעלבע, א דאמע און אנ'אפיציר.

דאמע. אך, ווי שען, טרערען האט עס ארויסגערופען.

אפיציר. בעסער פאר יעדען ראמאן. איך פערשטעהע נאר ניט ווי אזוי האט זי איהם געליעבט. ס'אר א שרעקליך אויסזעהן!

זיעבעטער אויפטריט.

דיזעלבע. ס'עפענט זיך די טיר; ס'געהען ארויס די אונגע-קלאגטע: פון אנהויב ליזע און קארענין, זיי געהען דורך דעם קארידאר, נאך זיי פעדיא אליין.

דאמע. ש-שא, אט איז ער. זעהט ווי ער איז אויפגע-רעגט. (די דאמע און דער אפיציר געהען דורך).

פעדיא (צו איוואן פעטר.) געבראכט?

איוואן פעטר. אט איז ער. (גיט איהם עפיס).

פעדיא (בעהאלט אין קעשענע, וויל געהן, בעמערקט פעטוש-קאוו'ן). נאריש, געמיין! לאנגווייליג, לאנגווייליג. טעמפ. (וויל געהן).

אכטער אויפטריט.

דיזעלבע, און פעטרושין אנ'אדוואקאט א גראבער, א רויטער אנ'אויפגעלעבטער, געהט צו.

פעטרושין. נו, ברודער, אונזער זאך שטעהט גוט, נאר פערדארבט נאר ניט אלץ אין אייער לעצטעןווארט.

פעדיא. איך וועל גארניט ריידען. וואס זאל איך זיי זאגען?! איך וועל ניט ריידען!

פעטרוש. ניין, איהר דארפט יא ריידען. זענט נור רוהיג. איצט איז עס געענדיגט. איהר זאגט, אז מען בעשטראפט אייך דער-פאר, וואס איהר האט זיך ניט גענומען דאס לעבען. ד. ה. דאס וואס איז א פערברעכען פון'ן וועלטליכען און קירכליכען געזעץ.

פעדיא. איך וועל גארניט זאגען.

פעטרוש. פאַרוואָס?

פעדיאַ. איך וויל ניט און וועל ניט ריידען. איהר זאָגט מיר: אינ'ם ערגסטען פאַל צו־וואָס קען מען אונז פאַראורטיילען?

פעטרוש. איך האָב דאָך אייך געזאָגט: אינ'ם ערגסטען פאַל טיביר.

פעדיאַ. ד. ה. וועמען סיביר?

פעטרוש. אייך און אייער פרוי.

פעדיאַ. און אין בעסטען פאַל?

פעטרוש. חרם און, פערשטעהט זיך, די צווייטע הייראַט ווערט בטל.

פעדיאַ. ד. ה. זיי וועלען מיך ווייטער צונויפבינדען מיט איהר, ד. ה. זי מיט מיר.

פעטרוש. יא, אַזוי מוז עס זיין. איהר זענט נור ניט אויפגערעגט. און כ'בעט אייך רעדט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. נור דאָס, קיין איבעריג וואָרט. איבעריגענס... (בעמערקט, אַז מען האָט אַרומגערינגעלט און מען הערט זיך־צו) איך בין מיעד, איך וועל געהן זיך צו־זעצען. רוהט איהר אויך אָב דערווייל. די הויפט־זאַך ניט שרעקען זיך.

פעדיאַ. און קיין אַנדער אורטייל קען מען ניט אַרויסטראָגען?

פעטרוש. (אַוועקגעהענדיג) קיין אַנדערעס.

ניינטער אויפטריט.

די זעלבע אויסער פעטרוש'ען און אַ געריכטס־דיענער.

געריכטס־דיענער. געהט דורך, געהט דורך, ניטאָ וואָס צו שטעהן אין קאָרידאָר.

פעדיאַ. באַלד. (ער נעהמט אַרויס אַ פיסטאָלעט שיסט זיך אין האַרצען, פאַלט. אַלע וואַרפען זיך צו איהם). גאָרניט, דוכט נוט געטראָפען... ליזען!

צעהנטער אויפטריט.

(מען לויכט אַרויס פון אַלע טירען, צושויער, ריכטער, אַנגעקלאַגטע, עדות, פאָראויס ליזע, הינטען מאַשאַ און קאַרענין, איוואַן פעטראָוויטש און פירסט אָבּרעזקאָוו).

ליזע. וואָס האָסטו געטאָן, פעדיאַ! פאַרוואָס?

פעדיאַ. פערצייה מיר, איך האָב ניט געקענט... אַנדערש פעַנאַנדערפּלאָנטערן... בּעפרייען דיך... ניט פאַר דיר, פאַר מיר איז אַזוי גוט... איך בין דאָך שוין פון לאַנג... גרייט...

ליזע. דו וועסט לעבּען. (אַ דאָקטאָר בּויגט זיך איין, הערט איהם אוים).

פעדיאַ. איך ווייס אָהן דעם דאָקטאָר... וויקטאָר, אַדיע... און מאַשאַ... פערשפּעטיגט... (וויינט) ווי גוט... ווי גוט... (שטאַרבּט).

פאָרהאַנג.